בס"ד / שנה ו' / פרשת מקץ / נומער 292

# כלעטל

## בריוו
איבערגענומען פון די אומזיסטע חתונות אין ישיבה

## אליין און אלעמען
טעלעפאון און האטליינס

## וועלטעלע
היציגע העלט קעיר אין וואשינגטאן



## בימים ההם בזמן הזה

בימים ההם - אמאל איז געווען וואס איז היינט נאך דא | **מיר האבן געלעבט ביי אונזער צדיק מוהרא"ש זי"ע, אבער בזמן הזה זענען די עצות ווייטער חי וקיים** | אין א שמועס מיט **מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו** פארציילט ער אונז פון די שיינע חנוכה טעג במחיצות מוהרא"ש זי"ע | **די פריוואטע שמועסן און הדרכות** | ועל כולם היכל הקודש בזמן הזה מיטן ראש ישיבה שליט"א. **להודות ולהלל**



## דרך החסידות
די פייער אויף חסידים | די נס הצלה פון הייליגן בעל התניא זי"ע י"ט כסלו.

| | |
|---|---|
| 06 | בריוו צו די רעדאקציע |
| 08 | עירנו |
| 10 | בריוו פון ראש ישיבה |
| 11 | מעשיות פון תפלה |
| 12 | אלט און אלטמען |
| 13 | וועלטעלע |
| 16 | בימים ההם |
| 28 | געדאנקען |
| 32 | מעשה פון א צדיק |
| 33 | דעם רבינ'ס לעבן |
| 34 | י"ט כסלו |
| 44 | הכונו |



**בס"ד**

פרשת
מקץ
תשפ"ו

**נומער**
**292**

שנה ו'















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, משה ראזענבערג, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העססעל, מ. מאנן, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין

בלעטל



**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**bletelmagazine@gmail.com**

צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org

אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
**ארץ ישראל:** 053.315.6938





כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקער פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

קלעטל אינדערהיים קינדער היים




# דערפרישענד

*sruliHeskel

# שער בלאט

ראדאקטארישע
אריינפיר
צום בלעטל

**אברהם הערש וועבערמאן**

# דערפרישענד

ברוכים הבאים צום הערליך איבערגעפרישטן בלעטל!

אסאך ארבעט איז אריינגעלייגט געווארן אין דעם. עס איז נישט בלויז דער דעקל וואס האט באקומען א נייע צורה, נאר מיטן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר, אז אויך די אינעווייניגסטע קאלומס און ארטיקלען וועלן ארויפגיין א שטאפל.

להבדיל ביי די גוים ווען א פירמע גייט דורך א 'ריברענד', מאכט מען א גרויסע מצב דערפון. מען שטעלט אהער א גרויסע פארזאמלונג פאר אלע ארבעטער. עס שטעלן זיך אויף בעלי דרשנים וואס ברענגען ארויס דעם אלטן סימבאל און וואספארא פראבלעמען האבן איר געפלאגט און פארוואס מען האט איר געמוזט טוישן. מען רופט ארויף דעם הויפט עקזעקוטיוו פונעם פירמע וואס שטעלט פאר דעם נייעם סימבאל בשער בית רבים, באגלייט מיט הילכיגע אפלאדיסמענטן. מען טיילט אויס נייע נאוטבוקס פאר אלע ארבעטער מיט פעדערס מיטן נייעם סימבאל. מען לאזט זיך וואוילגיין, מען עסט און מען טרינקט ווי עס געוואלט עפעס א יום טוב... פאראהן פירמעס וואס וועלן רופן גרויסע זינגערס זאלן זינגען דעם שבח און לויב פונעם נייעם סימבאל.

אבער מיר האבן עפעס אנדערש ווי אזוי צו ווייזן אונזער נייעם סימבאל.

דאס איז אז מיר גייען ווייטער מיטן בלעטל ווי ביז אהער! פארקערט ווי איר ווילט מיינען, מיר האבן נישט קיין שום פראבלעם געהאט מיטן פריערדיגן סימבאל פארוואס מיר זאלן זוכן אוועקצולויפן פון אים! דער בלעטל שטעלט היינט פאר ב"ה די העכסטע סטאנדארט פון ליין מאטריאל וואס קען נאר זיין. מיר האבן נישט געזען קיין סיבה פארוואס מיר זאלן זיך דארפן אפשאקלען פון סיי וועלכע אלטע מעשים און עס פארווישן מיט א נייע ברענד און דעקל.

דאס אבער יא, מיטן נייעם דעקל און אויסשטעל האפן מיר ארויפצוברענגען דעם בלעטל וואס איר האלט יעצט אין די הענט ארויף עטליכע שטאפלען, ווי מען זאגט "בעסער האט נישט קיין שיעור".

לכתחילה האבן מיר געקלערט פון אנאנסירן דעם איבערגעפרישטן בלעטל אויף יום טוב פסח הבא עלינו לטובה, אזוי ווי דער שטייגער איז אז א מצב מאכט מען ווען אסאך מענטשן זעען...

אבער מיר האבן נישט געטראפן קיין בעסערע צייט צו מאכן דעם גרויסן טויש טאקע יעצט אום חנוכה!

דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אסאך אין די טעג פון חנוכה איבער זיך אויפרישן און אנהייבן פונדאסניי לערנען און דאווענען וואס דאס האבן די יוונים געוואלט פון אונז אויסרייסן. האבן מיר אין די רעדאקציע באשלאסן אז עס איז נישטא קיין בעסערע צייט ווען צו איבערפרישן דעם בלעטל ווי יעצט אין די געהויבענע חנוכה טעג, ווען מיר אין דעם בלעטל פייערן דעם הויכפונקט פון אונזער ציל, ארויסצוגיין פונעם כח המדמה פון אויסגאבעס און נייעס קוועלער וואס ברענגען גארנישט צום טיש, בלויז דמיונות פון ארטיקלען און קעפלעך א.א.וו.

מיר ארבעטן מיטן אייבערשטנ'ס הילף יעדע וואך צו ברענגען פרישע סחורה וואס זאל זיין ווייט פון דמיונות, נאר בלויז ריין ערליך און הייליג, געצילט אז עס זאל זיין פון די העכסטע סטאנדארטן און געשריבן אויף נושאים וואס איז לעובדה ולמעשה, און איז אויספירבאר גלייך נאכן דאס ענדיגן ליינען.

בשם אלע אונזערע חברים און שטענדיגע ליינער, וויל איך באדאנקען אונזער געטרייע רעדאקציע שטאב, וואס ארבעטן אלע ווי איינס בלויז מיט הארץ און געפיל פאר'ן בלעטל אן קיין שום געלט באלוינונג, ובראשם אונזערע געטרייע גרעפיקער, מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו און מו"ה בערל שניצלער הי"ו, וואס לייגן אריין אומצאליגע שעות פון ארבעט יעדע וואך אין דעם בלעטל, און בפרט יעצט האבן זיי אריינגעלייגט ארבעט אין הערליך איבערפרישן דעם בלעטל.

יעצט אין די צייט וואס מיר זענען זיך מחדש מיטן בלעטל, בעטן מיר אויך פון אלע טייערע חברים זיך נישט צוריקצוהאלטן פון אונז אויפמערקזאם מאכן אויב איר האט סיי וועלכע הערה. מיר נעמען אן יעדע הערה מיטן פולסטן ערנסטקייט.

יישר כח אייבערשטער אויף ביז אהער, און מיר בעטן א תפלה אויף ווייטער.

א לעכטיגן חנוכה

*אברהם הערש וועבערמאן*




די ישועות קוואל איז אפן:

רופט 347
דער 466
גבאי 2410

וזאת התורה לא תהא מוחלפת
קרן הצלה
למען מוסדותנו בארה"ק על טהרת הקודש

*sruliHeskel

# בריוו צו די רעדאקציע

## וויאזוי לערנט מען תורה אין הימל?

אן אפענער בריוו צו מיין יוגנט פריינט ר' אהרן וועבערמאן ומחותנו מיין פרישן פריינט ר' משה ארי' שניצלער

יום ב' לסדר "ואביו שמר את הדבר" תשפ"ו לפ"ק פה ברוקלין יצ"ו

לכבוד מיין טייערער באליבטער חבר מימי קדם הרבני המהולל בתשבחות מוה"ר אהרן וועבערמאן שליט"א ולכבוד ידידי הרבני החשוב מוה"ר משה ארי' שניצלער שליט"א

אנשטאט צו זוכן ענקערע אדרעסן ווי איר האט אייך באהאלטן וייט ווייט אוועק אין די פארשנייטע געסעלעך פון ליבערטי הבירה (א שטעטל וואס איז אריינגעקריצט אין אלע מעטאלענע מטבעות אין אמעריקע [קרעדיט: ראש ישיבה שמועס נאכן דף שיעור]) וועל איך ניצן דעם שופר פונעם חרדישן אידנטום אין ליבערטי והגלילות, דער בלעטל, און פון דא וועל איך ענק ביידע צוזאמען אדרעסירן.

א. איך קען זיך נישט איינהאלטן צו דערמאנען וואס כ'האב געזאגט פאר ר' משה ארי' ביי די חתונה, נאכן אים זען אריינקומען אין זאל בשנת האבילות נאך להבחל"ח זיין ליבן פאטער זצ"ל. וויסנדיג אז מיר לעבן אין א סביבה וואו אסאך האבן ליב פארצוהאלטן, "מעגסט יא קומען, מעגסט נישט קומען" וכו', האב איך אים געזאגט א ווערטל: "משה ארי', קענסט רואיג קומען צו די חתונה במשך שנת האבלות, ווייל לויט רוב הייסט דאס נישט קיין חתונה (ליידער). אזוי חתונה צו מאכן אן צו פאר'חובות'ן זיך איבערן קאפ, אלזא מעגסטו רואיג קומען צו די חתונה."

ב. לענינינו, איך שרייב דעם בריוו אונטער דעם שטורעמדיגן רושם און די ברויזנדע הרגשים וואס שטורעמען אין מיר נאכן פארברענגען נעכטן ארום צוויי שעה ביי די געהויבענע פרייליכע חתונה צווישן די חשוב'ע מחותנים ר' אהרן און זיין מחותן, אויך מיינס א געווארענער ידיד, ר' אברהם משה שטראסער. (אז מ'רעדט שוין, שכח ר' אברהם משה פאר דיין אינטערוויו וואס דו האסט געגעבן איבער דיין עבודת הקודש צו פארשפרייטן די חיזוק יומי. עס פארקערפערט אסאך אסאך וויכטיגע אינטערעסאנטע אינפארמאציע.)

ג. בשעת'ן מיטלעבן די חתונה און זען די אמת'ע שמחה אויף די מחותנים און אלע מסובים, האבן מיר נישט געקענט מער ווי לאכן און וויינען, זיך מיטפרייען מיט די חשוב'ע מחותנים ובני הקהילה און וויינען - וואו בין איך? וואו זענען אלע אונזערע טויזענטער ברידער און שוועסטער, צודריקט און צוקלאפט אונטער דעם אומאויסהאלטענדיגער עול הגלות? דער אליין-געמאכטער גלות פון אויסגעבן צענדליגער אדער גאר הונדערטער טויזענטער דאלארן וואס מ'האט נישט, פאר אויסגאבן וואס מ'ברויך נישט, צופרידן צו שטעלן דעם וועמען מ'קען נישט.

ד. אלזא, ר' אהרן, אויף דיר קען מען יעצט זאגן "נוצר תאנה יאכל פרי'", נאכן מאכן דעם ערשטן חתונה אין ישיבה וואס האסט טאקע בשעת מעשה הנאה געהאט, אבער לויט ווי ס'איז זעלבסט פארשטענדליך און כ'האב נאכגעהערט פון אנדערע, איז נאך דעמאלטס געווען בבחינת "זורעים בדמעה". אבער יעצט, נאכן מאכן א שיינע פאר חתונות אין ישיבה און מ'גייט ווייטער ביתר שאת וביתר עוז, איז עס א בחינה פון "ברנה יקצורו" - א הערליכע געשמאקע אידישע שמחה אן קיין בלבול הדעת און אן קיין פיזור הנפש, ועל כולם אלעם, אן קיין פאר'חובות'ן זיך. אשריך וטוב לך! נישט אומזיסט זאגט מען ביי אידן א ווארט וואס איז געבויעט אויף מקראי קודש ומאמרי חז"ל: "וואס מ'טוט, טוט מען פאר זיך"

ה. אבער מיינע מחשבות און רעיונות האבן מיר יא געפירט צום בילד וואס איז לעצטנס נתפרסם געווארן אין די אלגעמיינע אידישע מידיע איבער ניו יארק, בשעת עס איז געפראוועט געווארן די הונדערטסטע חתונה אין ישיבה. דאס בילד פון די ערשטע חופה ביים בית המדרש, ווי ר' אהרן שטייט אונטערן חופה מיטן חתן און דעם מחותן ר' משה ארי' - דאס איז א בילד וואס שיקט נאך עד היום שאק כוואליעס איבערן גאנצן האריזאנט. יעדער פרעגט די פראגע וואס רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל האט געשריגן ביים דינער לטובת די נייטרא ישיבה, אדרעסירנדיג די ראשי ישיבה איבער די וועלט: "מיר האבן אלע ביידע פאבריקן, אבער פארוואס קענען נישט מיינע מאשינען פאבריצירן די זעלבע סחורה ווי דיינע מאשינען?" לענינינו, יעדער פרובירט, יעדער רעדט, יעדער מאכט און יעדער טוט, אבער פארוואס קען קיינער נישט צושטעלן אזעלכע חתונות פאר אזוי ביליג אדער אפילו פאר נאנט צו די פרייז ווי היכל הקודש קען.

ו. און אז מיינע מחשבות האבן מיר געפירט צו רבי מיכאל בער זצ"ל, איז מיר אויפגעקומען א טיפע טיפע רעיון וואס רבי מיכאל בער זצ"ל האט געניצט צו ערקלערן וואס מיינט אונטערהאלטן די תורה בעת צרה.

רבי מיכאל בער באציט זיך אין א בריוו צו נדבנים וואס האבן געהאלפן מיט "געלט" אוועקשטעלן די ניטרא ישיבה נאך די קריג. דערציילט ער די באקאנטע מעשה אין די אידישע היסטאריע פון די "ארבעה שבויים" - די פיר ראשי ישיבה וגדולי ישראל וואס זענען געפארן נאך הכנסת כלה פון בבל קיין אייראפע סוף תקופת

הגאונים בתחלת תקופת הראשונים. מיר וועלן נישט מאריך זיין מיט די געשיכטע ווייל עס איז זייער א באקאנטע.

בימים ההם איז די תורה בעיקר געווען סטאנציאנירט אין בבל און אין די געגנט ארום. אין אייראפע און אין אפריקע זענען אידן געווען צוזייט און צושפרייט, אבער אן קיין געהעריגע רוחניות'דיגע הנהגה און אן קיין ישיבות. ויהי היום, און פאר גאר א וויכטיגע צוועק, האבן פיר גדולי ישראל פון בבל זיך ארויסגעלאזט איבערן ים צו שאפן צדקה, אבער ים רויבער האבן אטאקירט די שיף און זיך צוטיילט מיטן מענטשליכן רויב. איין גדול איז אנגעקומען קיין שפאניע, איינער קיין אפריקע, איינער אין איטאליע און איינער קיין פראנקרייך. יעדער פון זיי האט געהאט זיין געשיכטע וויאזוי ער איז באפרייט געווארן דורך זיינע אידישע ברידער צו וועמען די ים רויבער האבן זיי פארקויפט פאר טייער געלט. און פון די פיר איז די תורה איבערגעפלאנצט געווארן אויפן אייראפעאישן באדן, און מיר אלע לערנען די תורה וואס זיי האבן געלערנט זייערע תלמידים און זייערע תלמידים'ס תלמידים.

און דאס נעמט אריין אלע ראשונים וואס מיר קענען: דער רי"ף, רא"ש, רמב"ם, רש"י, די בעלי התוספות און נאך און נאך אן א שיעור. שרייבט רבי מיכאל בער אזוי: "היינטיגע צייטן, סיי ווען און סיי וואו א איד לערנט א שטיקל תוספות, אן הלכה, א שטיקל חומש רש"י, ווערט אויף די וועלט געלערנט בלויז די רש"י אדער די הלכה. אבער אויף יענע וועלט ווערט גארנישט פארגעסן. אויף יענע וועלט בלייבט אלעס פריש און לעבעדיג אזוי ווי ס'איז איצט געשען. דארט לערנט מען אזוי: 'דאס אינגעלע יאנקעלע לערנט יעצט א שטיקל רש"י' – אן עלי' און נאך א גרויס שטיק עולם הבא לנשמת רש"י. 'רש"י האט געלערנט תורה ביי זיין רבי'ן' – אן עלי' און נאך א גרויס שטיק עולם הבא לנשמת רש"י'ס רבי, און דער רבי פון זיין רבי'ן, וכו'. אבער דארט זאגט מען ווייטער אזוי: 'דער רבי איז דאך געווען געפאנגען ביי די רוצחים, ווי קומט ער צו לערנען תורה מיט רש"י'ס רבי?' גייט די סוגיא ווייטער (אין הימל איז דא גענוג צייט, דארט איז למעלה מן הזמן): 'אה, ס'איז געווען אמאל א בעל הבית וואס האט געהאט שכל און מיט זיין געלט אויסגעלייזט דעם געפאנגענעם גדול' – נאך א גרויסע שטיק גן עדן און א ריזיגע עלי' לנשמת דעם בעל הבית." רבי מיכאל בער איז ממשיך: "מיר היינט, ווען מ'לערנט דעם רש"י, תוס' און רמב"ם, האבן מיר נישט קיין אהנונג ווער דער בעל הבית איז געווען, וויאזוי ער האט געהייסן און וויאזוי ער האט אויסגעקוקט. אבער אין הימל דארף מען נישט אונזערע אנווייזונגען און מיינונגען – דארט ווייסט מען פונקטליך, און עד..."

היום הזה ולעד לעד ולעולמי עולמים מיליאנען מיליאנען מאל חזר'ט זיך איבער דער שפיל נאכאמאל נאך א ריזיג שטיק גן עדן עולם הבא פארן נדבן וואס האט געגעבן פאר פדיון שבויים און נאך אמאל גן עדן און נאך אמאל ווייל ער האט געהאט דעם ריכטיגן שכל און דעם קאפ אויפן פלאץ.

ז. איך בין נישט זיכער צי רבי מיכאל בער זאגט דאס פאלגנדע, אבער איך געדענק בערך אזוי. עס איז זייער מעגליך און גאנץ ווארשיינליך אז בזמנם האט מען נישט אזוי ארויפגעקוקט און מחשיב געווען דעם בעל הבית וואס האט געגעבן איבערגעשטרענגטע סכומים אויסצולייזן נאך עפעס א ראש ישיבה, א לערנער, און געברענגט נאך איינעם צו לעבן אויף קהל'ס קאסע. קיין צו גרויסע כבוד און רוים אויף די וועלט איז נישט באקאנט זיי זאלן זיך האבן ערווארבן דורך דעם, אבער יעצט איבער טויזנט יאר שפעטער, אוי לאכן די נדבנים, ותשחק ליום אחרון מיט יעדע רגע ורגע ווערן זייערע אוצרות פילער עד היום מיט אומשאצבארע אוצרות. ווי האט נאך איינער אמאל געמאכט א בעסערע געשעפט?

ח. מיר האט די מעשה ארויפגעשוואומען אין זכרון ביי די חתונה, נאך וואס פאר ארום צוויי הונדערט און צען מאל (יא יא, 105 חתונות מיינט צוויי מחותנים האבן זיך געשפארט ביי יעדע חתונה) האט זיך א מחותן געשפארט צום וויניגסטנס 60-70 טויזנט דאלער און מעגליך אסאך מער, און דאס איז א באן וואס פארט, עס גייט אן ביתר שאת וביתר עוז, און איך גלייב און איך זע אז אפילו די קרייזן, קהלות און פלעצער ווי מ'קען נישט נאכטון וואס מ'טוט אין היכל הקודש (איך האב געזאגט פארן ראש ישיבה אליין אז לענ"ד ולפי לויט וואס איך האב מקבל געווען פון אלטע אמאליגע אידן, וועט פארשפרייטן תיקון הכללי און דעם רבינ'ס עצות מער אויפטון ווי מעורר זיין אויף שפארן געלט, ווייל לויט ווי שטארק מ'איז מתקן פגם אדם הראשון צוזאמען מיט אייגענע פגמים קען מען שפארן עגמת נפש ביים חתונה מאכן) אבער פארט מ'נעמט מען אראפ אביסל פונעם כישוף ראד, מען לויפט נישט מיט אזא ספיד אין שאול תחתית, מ'כאפט זיך אביסל אן בעץ החיים און מען רעדוצירט די איבעריגע נארישע אויסגאבן למחצה לשליש ולרביע. אבער בעיקר די פארזעצונג פון די חתונות וואס קומט פאר מיט א שטורעם וואך נאך וואך, דאס אלעס איז אייך צו פארדאנקען. נאך יעדע אזא חתונה וואס נאך א איד איז געבליבן געזונט מיט א גאנץ הארץ, און א קלארער מח, און די משפחה גאנץ (לאמיר שוין פאלגן דעם רבי'ן און נישט רעדן פון געלט, לאמיר רעדן פון גוף ונפש) רופט מען אויס אין הימל נאך א ריזיגער זכות ר' אהרן און ר' משה ארי': איר האט געבראכן דעם אייז אז די שיף האט געקענט ארויספארן! אשריכם!

**ידידכם הרוצה כעת בעילום שמו**

# אידנו

וואס מען גיבט פארן קויפן א הויז אין שטעטל.

## הכרת הטוב פאר ערוועלטע

אין די יעצטיגע ערב חנוכה טעג איז די הנהלה פארנומען ארומצושיקן דאונאטס און מתנות פאר די לאקאלע ערוועלטע און שטאטישע ארבעטער ווי בעפאר יעדן יום טוב, אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אויס די שיינע מידה פון הכרת הטוב.

די הנהלה האט שוין אסאך פראבלעמען פארמיטן אדאנק דאס ביסל הכרת הטוב וואס מען ווייזט ארויס פון צייט צו צייט. מיר עצה'ן אויך פאר אלע חברים אז ווער עס האט סיי וועלכע פראבלעם מיט סיי וועלכן אפיס, זאל נעמען אפאר מינוט און זיך שיין באדאנקען און אליינס זען די רעזולטאטן.

## טעקס ריטורן

אין די יעצטיגע טעג ווען פילע אנשי שלומינו וועלן באקומען מיטן אייבערשטנ'ס הילף גרעסערע געלטער פון טעקס ריטורן, איז גאר ראטזאם דאס צו האלטן אויף א פארזיכערטן פלאץ, סיי אז מען זאל דאס נישט אליינס פארשווענדן און אויך אז מען זאל דאס נישט לייגן ערגעץ ווי עס קען פארשוואונדן ווערן.

די הנהלת הקריה איז גרייט צו בארגן סומעס פון געלט צו קענען העלפן דעם ראש ישיבה שליט"א ווייטער בויען דעם שטעטל, ווי אויך איז טעקס ריטורן א צייט ווען פילע אנשי שלומינו באצאלן דעם איינמאליגן הקרי' טשארדזש

## ריפלעקטער

אצינד אין די ווינטער טעג ווען עס ווערט נאכט פריער און מען דרייט זיך מער אינדרויסן ווען עס איז טונקל און פארשנייט, שפירן מיר פאר א חוב צו דערמאנען אלע טייערע חברים די וויכטיגקייט פון גיין מיט א ריפלעקטער אויפן גאס, סיי פאר זיך און בפרט פאר די קינדער. זייט מקיים די מצוה פון "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם".

א ריפלעקטער איז א זאך וואס קאסט בלויז אפאר צענט, מען קען עס קויפן אין באזאר, און עס איז לעבנס-וויכטיג. יעדער דרייווער קען עדות זאגן אויף עטליכע מאל וואס ער האט "שיעור נישט" אדער "כמעט" אראפגעקלאפט איינעם וואס איז נישט געגאנגען מיט א ריפלעקטער.

פאר די קינדער איז ראטזאם אז מען זאל עס ארויפנייען אדער צוקלעבן צום מאנטל, אזוי אז מען זאל נישט דארפן פארברענגען איבעריגע צייט צו זוכן און אנטון. פאר קינדער איז דער ריפלעקטער פילפאכיג וויכטיגער צוליב וואס זיי קענען ווערן דערשראקן ווען א קאר קומט צופארן און לויפן אין פארשידענע דירעקציעס וואו דער דרייווער קען זיי נישט געהעריג זען.

זייט מקיים די מצוה פון "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם".

נייעס'לעך

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

טויזנט ווערטער



די נייע קהילה אפיס

מודעות והערות

## שניי פיצן

אין די יעצטיגע טעג ווען עס שנייט אסאך אין שטעטל, לייגט די הנהלה אריין אסאך כוחות אז אלע שארטקאטס וואס מען האט געמאכט פאראגאנגענעם יאר זאלן ווערן גוט אויפגעשארט יעדעס מאל נאך א שניי.

ווי אויך גיבן מיר גאר שטארק אכטונג מיטן אייבערשטנ'ס הילף אז עס זאל נישט ווערן פאר'אייז'ט. כדאי די שטעטל איינוואוינער זאלן קענען נוצן אלע שארטקאטס מיט א רואיגקייט.

ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

# מו"ה ישעי' הכהן שטראססער הי"ו
וזוגתו אדל פראדל תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

## קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיי זיין א ישוב טוב, זיי זאלן האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם, און זיי זאלן קענען אויפציען דא די קינדער אויף די וועגן פונעם הייליגן רבי'ן.

# זאל איך ווייטער אנגיין מיט הפצה?

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה מקץ תשע"ט**

## שאלה

***א איד פרעגט אן ביים ראש ישיבה שליט"א איבער פארשידענע קאפ דרייעניש וואס קומען אים אריין צוליב העלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אין די וועלט.***

***אזוי אויך אנטהאלט די בריוו פאר די טעג פון חנוכה.***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, נֵר א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן מִיט אוּנְז; מִיר הָאבְּן זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין בַּיי אַייךְ, בִּפְרַט מַיין וַוייבּ הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין בַּיי אַייךְ, אוּן אוֹיךְ אִין אוּמַאן.

עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ אַ רֵיינֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע לוּפְט, זִיסֶע קִינְדֶער מִיט אַ רוּאִיגֶע מַאמֶע אוּן אַ טֵייעֶרֶע טַאטֶע; בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר אַייךְ צוּ וִוינְטְשְׁן דִי בְּרָכָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ה:): **"אִילָן אִילָן בַּמֶּה אֲבָרֶכְךָ, אִם אוֹמַר, שֶׁיִּהְיוּ פֵּירוֹתֶיךָ מְתוּקִים, הֲרֵי פֵּירוֹתֶיךָ מְתוּקִים; שֶׁיְּהֵא צִלְּךָ נָאֶה, הֲרֵי צִלְּךָ נָאֶה; שֶׁתְּהֵא אַמַּת הַמַּיִם עוֹבֶרֶת תַּחְתֶּיךָ, הֲרֵי אַמַּת הַמַּיִם עוֹבֶרֶת תַּחְתֶּיךָ, אֶלָּא יְהִי רָצוֹן, שֶׁכָּל נְטִיעוֹת שֶׁנּוֹטְעִין מִמְּךָ יִהְיוּ כְּמוֹתְךָ"**, יְהִי רָצוֹן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אוֹיךְ טוּן פַאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל - זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעקֶעמְפְט מִיט צֵיין אוּן נֶעגְל אַנְטְקֶעגְן דִי יְוָנִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד) אַז דִי יְוָנִים הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען **"כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר, שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל"**, מֶען זָאל אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיפְן הָארְן פוּנֶעם קוּ וֶוערְטֶער אַנְטְקֶעגְן דִי אֱמוּנָה, אוּן וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן מְנַצֵחַ גֶעוֶוען דִי יְוָנִים הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען אַז נִישְׁט נָאר מֶען זָאל מַזְכִּיר זַיין שְׁטֶענְדִיג דֶעם שֵׁם שָׁמַיִם, נָאר אֲפִילוּ אוֹיף אַלֶע שְׁטָרוֹת זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח:); דָאס אִיז וָואס מִיר פִירְן זִיךְ אַז יֶעדֶע מָאל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁרַייבְּן הֵייבְּט מֶען אָן דֶעם בְּלַאט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען: 'ב"ה', 'בס"ד', 'בעזהשי"ת', 'לה"ו'; כְּדֵי אַרַיין צוּ פֶּרְעגְלֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם טֶבַע מִקְרֶה מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

שְׁטַארְקְט אַייךְ וַוייטֶער אוּן זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן מְקַרֵב זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער זַאךְ דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן, נָאר מוֹדִיעַ זַיין פַאר נָאךְ אַ אִיד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים.

וֶוען מֶען אִיז מְקַרֵב אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען דָאס טוּן לְשֵׁם הַשֵּׁם נִישְׁט דַוְקָא צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ מַיין דֵעָה אוּן צוּ מַיין שִׁיטָה; דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "וָואס גֵייט מִיר אָן אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן אַן עֶרְלִיכֶע בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אָן וִויסְן אַז עֶס קוּמְט פוּן מִיר", דֶער עִיקָר אִיז אַז עֶס זָאל זַיין '**יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּה**", דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט; וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין נָאר דָאס דֶעמָאלְט הָאט מֶען הַצְלָחָה אִין דִי אַרְבֶּעט.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר פוּן אַייעֶרֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ', אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין אַייעֶר קָאפּ וְכוּ'; אִיךְ וֵייס גַאנְץ גוּט וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער אוּן אִיר זֶענְט נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט בִּלְבּוּלִים. אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אָן קַיין אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע הָאט דִי סָארְט קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): **"כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ"**; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה פַאר דִי וֶועלְט אַלְץ מֶער גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען טוּט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ אוּן מֶען אִיז פוּל מִיט סְפֵיקוֹת צִי מֶען טוּט רִיכְטִיג וְכוּ'.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת אוּן בִּלְבּוּלִים; אִיר דַארְפְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט דִי זְכִיָה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה פַאר טוֹיזְנְטֶער אִידְן. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֲפִילוּ נָאר אִין אֵיין מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ נָאר אֵיין הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אִיז שׁוֹין אַלֶעס כְּדַאי, דֶער זְכוּת בְּלַייבְּט לְנֵצַח נְצָחִים.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַהֵיים לוֹיפְן צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה.

**אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.**

# מעשיות פון תפילה



**אברהם הערש וועבערמאן** | קרית ברסלב

ס'קומט שוין אן די הייליגע חנוכה טעג. אין הויז ווערט שוין פריילּיך. מ'פאקט שוין אויס די מנורה, מ'הייבט עס אן פיצן און שיין מאכן לכבוד חנוכה, נאכן נישט ניצן א יאר צייט.

אזוי אינמיטן רייניגן די שיינע מנורה, דערזעט מען זיך מיט צוויי שטיקלעך מנורה אין די הענט. די מנורה האט זיך צוטיילט אין צוויי, ס'האט זיך אפגעטיילט דורכן דרייען אהער און אהין.

מ'הייבט אן קוקן אויב ס'איז דא א וועג דאס צו פאררעכטן כדי דאס צו קענען ניצן מארגן צו לעכט צינדן.

גלייך הייבט מען אן בעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, העלף מ'זאל טרעפן א וועג דאס צו פאררעכטן. ס'קען זיין מ'וועט דארפן געבן דאס צו פאררעכטן ביי א זילבער סטאר, אבער יעצט איז נישט דא קיין צייט פאר דעם. מ'דארף דאס ניצן די קומענדיגע אכט טעג פון חנוכה. העלף אייבערשטער, ס'זאל ווערן פארראכטן דורך עפעס א וועג."

מ'האט ארויסגענומען די טול-באקס און אנגעהויבן זוכן און נישטערן וואס ס'קען ארבעטן, אבער קיין ערפאלג, עפעס קיין איין זאך קלעבט נישט צו דעם. האט מען נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל דאס קענען מסדר זיין בעוד מועד.

צום לעצט האט מען פרובירט צו לייגן שטארקע קלעבּ-זאכן. צום ערשטן מאל האט עס נישט געארבעט, אבער צום צווייטן מאל האט דאס ברוך השם פיין געארבעט, און מ'האט דאס געקענט ניצן צו צינדן די לעכטעלעך.

אן אינטערעסאנטע זאך איז געווען אז איך בין שוין געגאנגען אין גראסערי קויפן א פשוטע מנורה'לע, למעשה, ביים אנקומען אינדערהיים דערזע איך מיך מיט אלע בעגס פון גראסערי אבער אן די מנורה. נאכן טראכטן פאר א סעקונדע האב איך געזען אז דאס איז נישט געווען קיין טעות, איך האב עס שוין טאקע נישט געדארפט.

**מנשה איצקאוויטש** | בארא פארק

איך האב געדארפט מאכן אן אינספעקשן אויף מיין קאר. נאכן אראפלייגן ביים מעכאניקער זאגט ער מיר אז ס'טויג נישט, ס'גייט נישט אדורך. אפשר זאל איך נאכאמאל פארן אויפן ראוד מיטן קאר, און נאכדעם וועט ער זען אויב מ'קען עס אדורכלאזן.

צופיל ברירות האט מען נישט. איך זעץ מיך ארויף אויפן ראוד, און שטילערהייט בעט איך דעם אייבערשטן אז יעצט זאל די אינספעקשן יא אדורכגיין געשמירט אן קיין פראבלעמען.

אזוי נאכן ענדיגן מיט אים פארן אויפן ראוד זאגט ער מיר אז ס'איז פיין, האסט עס אדורכגעמאכט.

וויאזוי? דורך תפילה. אן תפילה ארבעט גארנישט נישט.

שכח הייליגער באשעפער.

**א רייזענדער** | ניו יארק

איך האב געדארפט פארן ערגעץ מיט א פליגער. אויפן וועג צום עירפארט האב איך מיך דערזען אז עס ווערט שוין זייער שפעט, און עס קען זיין אז איך וועל נישט כאפן דעם פליגער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן נישט צו פארפאסן דעם פליגער.

למעשה בין איך אנגעקומען שפעט אין עירפארט, אבער דער געוואלדיגער נס איז געווען אז דער פליגער האט געהאט א דילעי, אזוי האב איך געקענט כאפן דעם פליגער

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## טעלעפאנען און האטליינס

### שאלה

ס'איז זייער זייער שיין צו ליינען דיינע הערליכע ארטיקלען, סיי די נייעס, און סיי "איבער אלץ און אלעמען". איך בין זיך מורא'דיג מחיה יעדע וואך.

יישר כח אייבערשטער אז איך האב די זכיה צו הערן די ברסלב'ע האטליין. דער ראש ישיבה שרייבט לעצטענס, אזוי אויך רעדט ער ביי די שיעורים זייער שטארק וועגן נישט הערן קיין נייעס און נישט הערן קיין פאדקעסטס מיט ליצנות, מיט שטותים והבלים וואס פארסמ'ען דעם מענטש'ס מוח, ס'נעמט אוועק פון צדיקים, בפרט ליצנות קעגן ערליכע אידן און קעגן אידישקייט.

עס איז מיר אינטערעסאנט צו וויסן, פון וואו קומט דער נאמען "האטליין"? פארוואס הייסט עס בכלל אויף דעם נאמען "האטליין"? און בכלל פארוואס רופט מען א טעלעפאן מיט'ן צונאמען א "ליין", מען זאגט "די ליין איז ביזי", וואס מיינט דאס? עס איז דא א ליין? א שורה פון וואס? די זעלבע אין ארץ ישראל רופן זיי דאס "קו".

יצחק אייזיק ראזענבוים

### ענטפער

דאסווארט "האטליין" קומט פון יארן צוריק ווען מען האט אנגעהויבן צו נוצן טעלעפאנען. עס האט דאן געמיינט א דירעקטע, ספעציעלע טעלעפאן פארבינדונג וואס געוויסע וויכטיגע אפיסעס האבן געהאט, וואס האט דירעקט פארבונדןביידע זייטן און זיי ערלויבט צו קענען רעדן איינער צום צווייטן תיכף ומיד, אנדערש ווי אנדערע טעלעפאן רופן וועלכע האבן געדארפט באקומען באשטעטיגונג פון אפערעיטארס און סוויטשבארדס. די האטליינס זענען געווען געצילט פאר גאר דרינגענדע וויכטיגע ענינים וואס מען דארף קענען רעדן איינער מיטן צווייטן תיכף ומיד. די ווער וויאזוי די פארבינדונג איז געווען אויסגעשטעלט האט געפירט דערצו אז מ'האט עס גערופן "הייס", וואס האט באדייט אז עס איז שטענדיג גרייט און אקטיוו.

ברוך השם אז מיר האבן די האטליין קול ברסלב, אנגעפילט מיט גאר אינטערעסאנטע באלערנדע תוכן ממש פאר יעדן איינעם. אנגעהויבן מיט די שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א פאר בחורים, אינגעלייט, פרויען, און קינדער, צו די פילע אנדערע אפטיילונגען פון אינטערוויוס, נייעס, אפדעיטס, שמועסן. און עס איז שוין ממש נישט קיין נסיון צו דארפן פאשן אויף פרעמדע פארפעסטעטע פעלדער.

דער צווייטער טייל פון דיין שאלה איז וועגן דעם ווארט "ליין". אין אנפאנג פון די טעלעפאן תקופה האט יעדער קאל ממש געמוזט דורכגיין א פיזישע דראט ליין וואס האט פארבינדן דעם רופער צום סוויטשבארד (א שמועס פאר זיך), וואס האט פיזיש פארבינדן די ווייערס פונעם רופער צום ווייער פון וועמען ער האט געוואלט רעדן. און ווען דער אפערעיטאר האט געזאגט אז "די ליין איז פארנומען", האט עס בוכשטעבליך געמיינט אז דער ווייער (ליין) איז יעצט פארנומען. איך קען נישט פארבינדן דיין ווייער צו יענעמ'ס ווייל עס איז יעצט אין באנוץ דורך א צווייטן וואס רעדט מיט זיי. היינט, ווען די טעכנאלאגיע האט זיך שוין אנטוויקלט אסאך ווייטער, איז אבער דער אויסדרוק געבליבן דער זעלבער.

האט איר א שאלה?
שיקט צו: askgershon@gmail.com

# וועלטלעך

גרשון קרעמער



## היציגע העלט קעיר דעבאטע אין וואשינגטאן

אין די רעגירונג קארידארן גרייט מען זיך יעצט אויף אן ערנסטע העלט קעיר שלאכט, צוליב וואס די באמאמקעיר סובסידיעס לויפן אויס סוף יאר 2025 למספרם.

עס איז זייער אומקלאר אין וועלכער ריכטונג די געזעצגעבער וועלן גיין. די דעמאקראטן זענען פאראייניגט צו פארלענגערן די באמאמקעיר אויף דריי יאר אן צו טוישן גארנישט, אבער די רעפובליקאנער זענען צוטיילט צווישן זיך מיט פארשידנארטיגע אנדערע פלענער דורך א רייע געזעצגעבער.

עטליכע רעפובליקאנער סענאטארן שטיצן א צוויי-יאריגע פארלענגערונג, אבער צו דעם ווילן זיי אויך רעפארמען, ווי רעדוצירן וויפיל מען מעג פארדינען צו קענען באקומען די סובסידיעס, און שטעלן א מינימאלע פרימיום וואס געניסער וועלן דארפן צאלן, וואס זיי זאגן וועט פארמיידן שווינדלעריי.

אנדערע רעפובליקאנער סענאטארן האבן פארגעשלאגן אנדערע פלענער. זיי ווילן בכלל נישט פארלענגערן די סובסידיעס, נאר ענדערש ווילן זיי מען זאל געבן צווישן טויזנט ביז 1,500 דאלאר פער מענטש וואס זיי וועלן קענען אינוועסטירן אין "העלט סעיווינגס אקאונטס" וואס וועט זיי העלפן דעקן די קאסטן וואס עס בלייבט איבער צו צאלן פון טאש פאר העלט קעיר.

אן אנדערער סענאטאר וויל מען זאל מאכן א פשרה. ער וויל פארלענגערן די סובסידיעס אויף בלויז איין יאר, אבער דערנאך זאל די פאנדינג פארקירעוועט ווערן צו די אויבנדערמאנטע נייע העלט סעיווינגס אקאונטס.

אין דעם רעפרעזענטאטיוון הויז איז אויך נישט שטיל - פילע מעסיגע רעפובליקאנער ארבעטן אויף אן אומפארטייאישע ביל, אבער ספיקער דזשאנסאן סיגנאליזירט אז מען האפט צו האבן א פלאן נאך מעגליך אויף די וואך. לויט ווי קוועלער זאגן, איז איינע פון די אפציעס אויסצובערייטערן די באנוץ פון אסאסיאציע העלט פלענס, וועלכע ערלויבן פאר ארבעטסגעבער זיך צו פאראייניגן און איינקויפן אינאיינעם העלט דעקונג פאר זייערע ארבעטער.

וואס וועט מען טאקע טון מיט העלט אינשורענס? מען מוז דאך האבן א גוטע העלט קעיר סיסטעם. דער זאגט טראמפ קעיר, דער זאגט אבאמא קעיר, אבער אפשר קען מען טרעפן ביים רבי'ן עפעס בעסערס, לאמיר אינוועסטירן אין 'אמונה קעיר'. מיר קענען איינקויפן ביים רבי'נס העלט אינשורענס עקסטשעינדזש. דער רבי זאגט אין ספר המדות את בנים, "הבנים טובים" - גוטע קינדער - "רפואה גדולה לאבות", היילט אויס די עלטערן. ווילסט דאך העלפן דיין טאטע-מאמע, ווילסט זיי זאלן זיין געזונט און שטארק און האבן אריכת ימים. קענסט זיי קויפן גוטע העלט קעיר - זע צו זיין "הבנים טובים"...

און וועלכע העלט אינשורענס וועט מען צושטעלן פאר די קינדער? דער רבי האט פאר דעם אויך א גוטן אינשורענס פלאן, א ספעציעלע אינשורענס פאר קינדער. די גמרא זאגט (חולין כד.) אמר רבי חנינא חמין ושמן שסכתני אמי בילדותי הן עמדו לי בעת זקנותי: זאגט דער ראש ישיבה אויף דעם אז חמין ושמן מיינט געב זיי חמין - ווארימקייט, געב זיי אויל - ליבשאפט. מאך א פאזיטיווע אטמאספערע אינדערהיים, געב לופט צו אטעמען. דאס איז א גוטער העלט קעיר פלאן פאר די גאנצע משפחה.



# פְּשָׁרָהלָאז

*אין קורצן פון פריער: ר' יצחק הערמאן ז"ל ציעט זיך מיט זיין משפחה קיין אמעריקע, אבער מאכט זיין וועג צוריק מיט זיין ווייב און טאכטער. זיין בחור יעקב יוסף בלייט איבער אליין.*

*און יעצט ליינט ווייטער.*

ר' יצחק האט מסדר געווען יעקב יוסף ביי א קרוב וואס האט מסכים געווען אים צו דינגען א בעט, פאר א דאלער א וואך.

יעקב יוסף האט אין יענע צייט געארבעט אלץ א שיק אינגל ביי א פעל סוחר און ער האט פארדינט $1.25 א וואך. עס איז אים איבערגעבליבן פינף און צוואנציג סענט צו קויפן עסן.

די קרובים זענען נישט געווען ספעציעל גוט צו אים, און גלייך נאכדעם וואס זיינע עלטערן זענען אהיימגעפארן, האט דער קרוב געמאלדן פאר יעקב יוסף אז די רענט האט זיך געהעכערט צו $1.25 א וואך.

דאס מיינט אז ער בלייבט מיט גארנישט, נאכן באצאלן זיין בעט. עס איז געווען פרייטאג נאכמיטאג ווען דער קרוב האט אים דאס געמאלדן. יעקב יוסף איז געווארן זייער אויפגעשטורעמט דערפון, און אן טראכטן איז ער אריין אין זיין צימער, צוזאמגעפאקט זיינע חפצים און ארויסשפאצירט פון זיין אכסני'.

ער האט אבער נישט געהאט וואו צו גיין. צום ערשט איז ער געגאנגען אין בעקעריי און זיך געקויפט דריי בילקעלעך פאר די סעודות שבת. ווען די זון האט אנגעהויבן נייגן מעריב, און ער האט נישט געהאט וואו איינצושטיין, האט ער אריינשפאצירט אין סענטראל פארק, א גרויסע, שיינע, נאציאנאלע פארק אין מאנהעטן.

ער האט זיך אנידערגעזעצט אויף א באנק און "געמאכט שבת." די נאכט איז צוגעפאלן. יעקב יוסף האט געמאכט קידוש אויף זיינע בילקעלעך און דערנאך אויפגעגעסן איינס פאר די סעודה. עס איז געווארן טונקל און עס איז אים געווארן אומעטיג אויפן הארץ. יעקב יוסף האט יענע שבת נישט געקענט צומאכן אן אויג פון פחד און ווייטאג.

ער האט זיך ארומגעקוקט אויף זיין ארימע מצב. עס זיצט דא א דרייצן יעריג בחור'ל, אפגעריסן פון די שויס פון זיינע ווארימע עלטערן, פארווארפן פון אייגענע קרובים וואס האבן געזוכט רייך צו ווערן פון זיין ארימע ביסן...

און א תפילה איז ארויס פון זיין פארקלעמט הארץ. דארט אינמיטן נאכט, אין סענטראל פארק האט יעקב יוסף געשמועסט מיטן אייבערשטן און אים געזאגט "טאטע, אויב דו ווילסט מיר ארויסנעמען פון מיין ענגשאפט, זאג איך דיר צו (בל"נ) אז איך וועל זיך נישט אראפזעצן צו קיין שבת'דיגע סעודה נאר אויב איך וועל האבן געסט. איך וועל אפילו קומען אין די פארקס זוכן אידן וואס האבן נישט וואו צו גיין."

אין יענע מינוט האט זיך געגרינדעט די גרעסטע און ערשטע הכנסת אורחים ארגאנאזאציע אויף די אמעריקאנע באדן.

ענליך צו דעם האט אונזער זיידע יעקב אבינו האט געזאגט ווען ער האט זיך געטראפן אן גארנישט אויפן וועג צו חרן. יעקב אבינו האט געזאגט, "רבוש"ע אז דו וועסט מיר אפהיטן און געבן א קלייד אנצוטון און ברויט צו עסן און מיר צוריקברענגען צו מיין טאטנ'ס הויז, וועל איך נעמען די שטיין אלץ א מציבה, אן

מ. מאנן 2



אנדענק צו בויען פאר דיר א בית קל און איך וועל געבן מעשר פון מיינע פארדינסטן."

אויך דער יונגער יעקב יוסף האט צוגעזאגט אז ער וועט בויען א בית קל, א הויז וואס איז מוקדש געווארן פאר'ן אייבערשטן.

...

דער יונגער יעקב יוסף איז געווען א פלייסיגע און טויגליכע בחור. ער איז אריין ארבעטן אלץ א געהילף אין א פעל געשעפט, אבער זייער שנעל האט ער זיך ארויפגעארבעט און ער איז געווארן פון א פשוט'ע געהילף צו אן אויפזעער, און קורץ דערנאך איז ער ארויס פון די געשעפט און זיך אליינס געשטעלט אויף די פיס, עפענענדיג זיין אייגענע פעל ביזנעס.

ער האט זיך שנעל ארויפגעדראפעט אויפן לייטער פון הצלחה און ביז אפאר יאר האט ער געהאט אסאך געלט. ער האט דאן געשיקט א בריוו צו זיינע עלטערן און זיי געבעטן אז עס איז נישט כדאי' ער זאל אהיימקומען צוריק קיין רוסלאנד, ווי די גזירות אויף אידן האבן זיך געהאלטן אין איין פארשטערקערן. אנשטאט דעם, האט ער זיי אנגעבאטן אז זיי זאלן קומען קיין אמעריקע און ער וועט זיי קענען אויסהאלטן בדרך כבוד. דער טאטע וועט קענען עוסק זיין בתורה און נישט דארפן פארקוקן אויף קיין קצוי של יוד.

אויך האט זיי יעקב יוסף געזאגט אז די מצב אין אמעריקע הייבט אן ווערן עטוואס בעסער און אידישקייט הייבט צוביסלעך אן אויפצובליען.

די עלטערן האבן ערהאלטן די בריוו און נאכן איבערקלערן די ענין פון אלע זייטן האבן זיי באשלאסן אנצונעמען דעם אנבאט.

משפחת הערמאן האט זיך ווידער ארויסגעלאזט איבערן אנטלאנטיק דאסמאל זיך צו פאראייניגן נאך אזויפיל יאר.

די שמחה איז געווען זייער גרויס ווען יעקב יוסף האט זיך געטראפן מיט זיינע עלטערן נאך אזויפיל יאר, אויך האט ער צום ערשטן מאל געזען א טייל פון זיין משפחה וואס איז געבוירן געווארן אין זיין אפוועזנהייט.

יעקב יוסף האט געדינגען א באקוועמע דירה און די משפחה האט זיך אנגעהויבן שיין איינצולעבן. דערוויל איז יעקב יוסף געקומען אין די יארן פון א שידוך.

די שדכנים האבן אראפגעריסן זייער טיר. יעקב יוסף איז געווען "א כאפ". ער האט פארמאגט אלע מעלות. ערליך, געלונגען, אסאך געלט... יעדער האט געוואלט זיין די שדכן און דערביי באקומען א שיין ביסל שדכנות געלט.

יעקב יוסף איז אבער געווען א שווערע ניסל. ער איז נישט געפאלן פאר "געלט, כבוד, יחוס אדער געלונגענקייט."

ער האט געוואלט אן ערליך, כשר אידישע מיידל מיט וועמען ער וועט קענען בויען א בית נאמן. די שדכנים האבן דאס געוואוסט און דעריבער האבן זיי אים פארזיכערט ביי יעדע זאך וואס מען האט אנגעטראגן אז "זי איז זייער אן ערליכע, און אויך האט זי אסאך געלט."

אין יענע יארן איז כמעט אוממעגליך געווען צו טון א שידוך מיט א טאכטער נאר אויב דער טאטע האט געהאט א גרויסע נדן אראפצולייגן פאר די פארפאלק. דעריבער האבן די שדכנים געברענגט רייכע שידוכים צום טיש.

יעקב יוסף האט געהאט א מאדנע פארלאנג פון די שדכנים. ווען מען האט אים אנגעטראגן א שידוך וואס ער האט געטראכט אז דאס קען זיין פאסיג, האט ער געבעטן אז ער וויל זיך טרעפן מיט די משפחה "פרייטאג צונאכטס, ביי זיי אין שטוב."

די סיבה פון די מאדנע בקשה איז געווען אז יעקב יוסף האט געוואוסט אז דוקא שבת וועט ער קענען זען אויב די שטוב איז טאקע ערליך, ווייל אין יענע יארן איז שמירת שבת געווען פון די גרעסטע נסיונות אין אמעריקע.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# בימים ההם בזמן הזה



# ישראל דוד העסקעל

יעצט אין די ימי הלל והודאה ווען מיר דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע ניסים וואס האבן פאסירט מיט אונז בימים ההם בזמן הזה, איז די צייט וואס יעדער ברסלב'ער חסיד דאנקט דעם אייבערשטן אויף זיין פערזענליכן נס אז מיר האבן זוכה געווען צו אזא רבי, צו אזעלכע עצות, צו אזא זיסע לעבן אויפן וועג וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז.

'בימים ההם בזמן הזה' זענען ווערטער וואס זענען נאסטאלגיש; מ'טראכט פון אמאליגע צייטן, אבער מיר ווייסן אז וואס ס'איז געווען אמאל איז אויך היינט דא, און נאך שענער.

היינט כאפן מיר א שמועס מיט איינער פון די עלטערע תלמידים פון היכל הקודש מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו, וואס וויקלט אויף זיינע זיסע זכרונות וואס ער האט זוכה געווען בייצוואוינען ביי מוהרא"ש זי"ע, סיי אין די הייליגע חנוכה טעג און ווי אויך א גאנץ יאר.

ר' משה ארי' דערציילט אז מ'קען נאך האבן היינט מוהרא"ש פונקט ווי אמאל! ווי אזוי ער האט זיך געקענט דערהאלטן ביים רבי'ן ווען אסאך זענען ליידער אוועקגעפאלן. זיין התקרבות צום ראש ישיבה שליט"א ווען ער האט זיך געכאפט אז דער ראש ישיבה איז נישט סתם נאך א חבר אין היכל הקודש נאר א מורה דרך און וועגווייזער.

וואס קען איך היינט טון זיך צו דערהאלטן ביים רבי'ן, צו בלייבן אין היכל הקודש? וואס זענען די יסודות וואס אויף זיי איז אלעס תלוי? וואס דארף א מענטשן פון דרויסן טון צו קענען נאכמאכן זאכן פון היכל הקודש? פארוואס גייט עס נישט פאר מענטשן נאכצומאכן די חתונות אין שול?

ווי אזוי נאך די סעפטעמבער עלעוון טעראר אטאקעס האט זיך געגרינדעט דעם שיינעם ווינקל היכל הקודש אין וויליאמסבורג.

ליינט און האט הנאה.



שלום וברכה פאר די טייערע בלעטל ליינער. קודם כל וויל איך אדרעסירן דעם קעפל 'בימים ההם בזמן הזה', אזוי איז עס כשמו כן הוא, וואס איז געווען אמאל איז אויך דא היינט, אזוי ווי דער הייליגער רבי נתן זאגט אין ליקוטי הלכות הלכות ברכת הריח הלכה ד' אז אזוי גייט עס, אייביג ווערן מענטשן זאגן "אמאל איז געווען און היינט איז מער נישט דא..." אבער דער אמת איז אז אין יעדע צייט איז אלץ דא א צדיק וואס וועט אונז אויפוועקן און דערמאנען אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט און אין יעדן דור וועט מען באזינגען דעם צדיק וואס קען מיך ברענגען צום אייבערשטן און דערמאנט מיר צו טראכטן פונעם אייבערשטן, אז דאס איז נישט וואס איז געווען אמאל, אמאל איז געווען צדיקים היינט שוין נישט ווי אמאל, מ'דארף וויסן וואו אריין און ווי ארויס...

מיר האבן געהאט די זכיה צו האבן מוהרא"ש, מוהרא"ש איז געקומען 'בימים ההם' און אויך 'בזמן הזה'. ער האט רחמנות געהאט אויף אונז, גענומען די ספרים פון הייליגן רבי'ן און רבי נתן און עס געברענגט פאר אונז אויף אן אנגעגרייטן טיש.

עפענסט אויף א ליקוטי מוהר"ן אדער אפילו א ספר המידות, וואו הייב איך אן?? אויף דעם איז געקומען מוהרא"ש און גענומען דעם תמצית פאר אונז און עס אויסגעשטעלט אויף לעובדא ולמעשה מיט די דריי שפיץ נקודות. איינס, דעם דרך הלימוד אז דער רבי האט פאר אונז א וועג וואס יעדער איינער קען אין יעדן סארט מצב לערנען און מסיים זיין כל התורה כולה! צוווייטנס, שלום בית - רעד שיין אין שטוב, געב גוטע ווערטער פאר דיין ווייב, און דריטנס, רעדן צום אייבערשטן - תפלה והתבודדות, זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן יעדע זאך. דאס מיינט רעדן אפילו סתם זאכן: "היינט בין איך געגאנגען און געקומען און געזען וכו'." נישט נאר תפלה "אייבערשטער העלף, אייבערשטער איך דארף דאס" - אוודאי אויך תפילה, אבער התבודדות איז זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן ווי א גוטער חבר.

די דריי נקודות האט מוהרא"ש געשטעלט צו זיין פאר אונזער אלף בית, און איינמאל דו ביסט שטארק מיט דעם, יעצט קענסטו צולייגן אלעעעע שיחות...

## היינטיגע מענטשן מיט די סחורה פון אמאל

מענטשן ווילן וויסן, ווי אזוי קען איך האבן היינט דאס וואס די תלמידים פון מוהרא"ש האבן געהאט ביי מוהרא"ש? די ענטפער איז זייער פשוט: אויב זאגסטו משניות, ביסטו ביי מוהרא"ש; אויב געבסטו גוטע ווערטער אין שטוב פאר דיין ווייב, ביסטו ביי מוהרא"ש; און אויב וועסטו זאגן "אייבערשטער העלף מיך" און וועסט שמועסן מיטן אייבערשטן אזוי ווי דו שמועסט מיט א חבר אין קאווע שטיבל - "באשעפער, איך האב היינט געזען א שיינע קאר" - דאן ביסטו ביי מוהרא"ש!

א מענטש איז אראפגעקומען אויף דער וועלט צו זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן, און די איינציגסטע וועג צו זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן איז דורך שמועסן מיטן אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן. און צו דעם איז דא די תרי"ג מצות, אבער די שפיץ פון די תרי"ג מצות איז צו זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן. דער זוהר הקדוש זאגט אז די תרי"ג מצוות איז 613 עצות ווי אזוי מען זאל קענען זיין נאנט צום אייבערשטן. אז



מוהרא"ש ביים צינדן חנוכה ליכט



די צווילינג טורעמעס אין מאנהעטן בעפאר די אטאקעס

א מענטש רעדט צום אייבערשטן, ארבעטן די 613 עצות שטערקער און ווירקזאמער.

און דאס איז קעגן די וועג ווי אזוי דער עולם גולם פארט. די גאנצע וועלט איז אויסגעשטעלט אויף נאכצולויפן די כבוד, תאווה און געלט, און דער רבי לייגט אריין אין אונז דעם רצון השם צו לויפן פונקט פארקערט ווי די המון עם, ווי דער שטראם פון די וועלט. אלעס זאל זיך דרייען ארום אייבערשטער, אייבערשטער, אפילו ביי דעם פשוטסטן מענטש.

## צוריקשלעפן דעם רעדל

דא קומט אריין די וועג פון גיין הפצה פון מענטש צו מענטש. אזוי ווי ביי א חתונה קען מען זען דעם רעדל, יעדער טאנצט אויף איין וועג, און אלץ איז דא דער איין חכם וואס שלעפט אויף פארקערט... אזוי איז די זאך פון הפצה. די וועלט לויפט אין א שטראם, מ'לויפט נאך די כבוד און געלט, און דא קומט א מפיץ, געבט דיר א קונטרס וואס שלעפט אין גאנצן אויף פארקערט - לויף צו אייבערשטן, אלעס איז נאר אייבערשטער!

אין מארקעטינג זענען דא צוויי מהלכים. איין מהלך איז דו ווילסט שטופן דיין פראדוקט אדער אגענדע קענסטו אריינבאכענען מיליאנען אין אדווערטייזינג, נעמען ריזיגע בילבאורדס און מאכן א גערודער, וואס קען זיין אויפן מינוט וועט דער מענטש עס באמערקן. ס'איז זייער א גרינגע מהלך, אבער ווייט נישט אזוי עפעקטיוו. א מענטש ווערט נישט איבערגערעדט אזוי שנעל פון דעם.

דערנאך איז דא דער לאנגער שווערער מהלך פון איבעררעדן איין מענטש אויף אמאל, אבער ס'איז אסאך מער ווירקזאם. דאס איז געווען איינער פון די גרויסע סוקסעסן פון פרעזידענט אבאמא, וואס איז בעצם געווען היבש אומפאפולער, אבער זיינע מענטשן האבן געארבעט צושטייט ארומצוגיין טיר ביי טיר און איבערצייגן נאך איין מענטש צו שטימען פאר אים, און דאס

האט טאקע זייער געווירקט אז צום סוף האט ער געווינען.

דאס איז מיין ארבעט מיט הפצה. לאמיך גיין אין גאס, לאמיך טרעפן נאך איין מענטש וואס האט נאך היינט נישט געטראכט פונעם אייבערשטן, און לאמיך אים געבן א קונטרס, א סידי, עפעס וואס זאל אים געבן א שטופ קעגן די שטראם. הייב אויף דיינע אויגעלעך צום הימל און דערמאן דיך פונעם אייבערשטן.

## וואס קענט איר פארציילן פון די צייט ווען איר זענט אנגעקומען צו מוהרא"ש?

ווען איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש, האט מוהרא"ש פארגעלערנט אויף אזא סוכה טיש, דער קליינער שמאלער טיש. מוהרא"ש איז געזעסן אויבן אן און אויף א פולע וואך זענען געזעסן פיר מענטשן אויף א זייט, אכט מענטשן אלעס צוזאמען...

צוביסלעך מיט די יארן איז צוגעקומען נאך א מענטש און נאך א מענטש, אבער אלעס אויף א גאר קליינעם פארמאט.

מוהרא"ש האט זייער שטארק געוואלט אז מ'זאל עפענען א היכל הקודש שול אין וויליאמסבורג. מוהרא"ש האט מיר געזאגט אויפן וועג קיין אומאן אין עירפארט אין פאריז: "אויב וועט עטץ מאכן א שול אין וויליאמסבורג, וועל איך קומען צו ענק פון צייט צו צייט."

למעשה האט זיך גארנישט געמאכט ביז ס'איז אנגעקומען די יאר פון די סעפטעמבער 11 אטאקעס. יענע יאר איז ראש השנה אויסגעפאלן מאנטאג נאכט און מיר האבן געהאט טיקעטס אויף מיטוואך, א וואך פאר ראש השנה. למעשה, יענעם דינסטאג, א טאג פאר מיר האבן געדארפט אפפליען צום רבין, איז געשען די

שוידערלעכע טעראר אטאקעס, וואס דער דאן פרעזידענט בוש האט אלס ערשטע זאך אפגעשטעלט אלע פלי רייזעס העכער אמעריקאנער באדן, וואס פאר אונז ברסלב'ער חסידים איז דאס דאן געווען גאר שרעקעדיג, שטייענדיג אייניגע טעג פארן רבינ'ס ראש השנה.

מיטוואך, ווען מיר האבן געדארפט צו פארן, האבן מיר פארשטייט זיך נישט געקענט פארן. ס'איז נישט געווען קיין מציאות אז א פליגער זאל זיך קענען הייבן.

די טראוועל אגענט האט אונז גע'עצה'ט מיר זאלן זיין מוצאי שבת אין עירפארט און פאדערן צו קענען פליען דורך פינלאנד מיט די טיקעטס וואס מיר האבן געהאט אויף מיטוואך סעפטעמבער 12 למספרם. ווייל מסתם וועט זיין א דילעי און מיר וועלן קענען כאפן די פליגער מחמת דעם דילעי.

יענעם שבת בין איך געווען אין בארא פארק (מחמת א קידוש וואס מיין שוואגער האט געמאכט פאר א מיידל בעיבי) שלש סעודות בין איך געווען ביי מוהרא"ש כדי אז ביים זמן זאלן מיר זיך קענען ארויסלאזן צום עירפארט מיטן גאנצן עולם. יענע שלש סעודות האט מען נישט געגעסן אין ביהמ"ד נאר אין א זייטיגע שטיבל וואו די בחורים פלעגן עסן, אזוי אז ביים זמן זאל מען קענען פלינק לויפן צום עירפארט. מוהרא"ש האט אונז טאקע זייער מזרז געווען מיר זאלן נישט פארזוימען נאר זיין גרייט צו לויפן ביים זמן.

למעשה איז קיין דילעי נישט געווען, די פליגער מוצאי שבת איז געפארן אן אונז... אזוי ווי די עירליין האט אויסגעפונען וועגן דעם שטיקל וואס דער טראוועל אגענט האט געמאכט און געזאגט אז מיר וועלן דארט זיין אין צייט מוצאי שבת, און דערווייל האט דאס גורם געווען צוואנציג לייידיגע זיצן אין אזא אנגעצויגענע צייט, האט עס אויסגערופן ביי זיי בייז בלוט. זונטאג ווען מיר זענען געקומען 12 אזייגער מיטאג צו פרובירן זיין אויף די היינטיגע זעקס אזייגער פלייט, האבן זיי אלס נקמה געזאגט אז זאל זיין וואס זאל זיין, מיר וועלן נישט קענען ארויף גיין אויפ'ן פליגער.

תפילה איז אבער פארט שטערקער מיר האבן זיך געזעצט אין א זייט און געבעטן דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל ביז ב"ה ס'איז אונז געלונגען און מען האט אונז ארויפגעלאזט אויף די זעקס אזייגער פלייט. מיר זענען אנגעקומען קיין אומאן ממש ערב יו"ט פארן זמן (ווי שוין באשריבן אינעם בלעטל שבועות תשפ"ב).

אבער נישט יעדער איינער האט עס געמאכט... ס'איז געבליבן אין וויליאמסבורג פינף אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש וואס האבן זייער שטארק געוואלט האבן א מנין אויף ראש השנה אויפן רבינס נאמען.

מו"ה יצחק ראזענבערג ע"ה האט דאן צוזאמענגעשטעלט נאך פינף אידן וואס האבן אויך געוואלט האבן אן אייגענע מנין משום איזה סיבה, און אזוי האט זיך צונויפגעשטעלט דער ערשטער מנין היכל הקודש אין וויליאמסבורג.

דער מנין איז געווען אין סקווירא חדר אויף העיווארד. ס'איז אריבער זייער געשמאק, האט מען ווייטער געהאלטן דעם מנין אויף יום הקדוש און איך האב טאקע געדאווענט דארט יענעם יום כיפור און דערנאך אויך אויף סוכות.



ר' יצחק ראזענבערג מיט מוהרא"ש



דער ראש ישיבה מיט מו"ה יודל טינויער הי"ו

אזוי האט זיך געגרינדעט דעם ביהמ"ד היכל הקודש אין וויליאמסבורג.

שפעטער איז עס אריבער צו נאך א לאקאל און נאך אפאר וואכן איז די שול אריבער צו די וויזנער דריי גודס לאקאל וואו מיר האבן באקומען אונזער ערשטע אייגענע פלאץ. דארט איז די שול געווען א גוטע צוויי-דריי יאר.

אין יענע שול איז דער ראש ישיבה געקומען די ערשטע מאל. דעמאלט האט מו"ה יודל טירנויער הי"ו געזאגט פאר דעם ראש ישיבה אז ס'איז דא א שול וואו מ'קען הערן די שיינע ברסלב'ע ניגונים.

ביז יענע תקופה איז די שיעור ביי מוהרא"ש געווען זייער קליין און אומבאקאנט. מוהרא"ש איז מיט די יארן מער און מער אריין אין דער וועלט, מ'האט געדרוקט אסאך בענדער אשר בנחל דורך די יארן און הפצה איז געווען זייער שטארק. אבער ווען דער ראש ישיבה איז מקורב געווארן האט ער זייער מפרסם געווען דעם נאמען פון מוהרא"ש, און ס'איז געווארן א נייע מציאות פון געפאקטע שיעורים. דאס איז אלעס געווען נאכן התקרבות פון דעם ראש ישיבה, סיי פון דעם ראש ישיבה'ס תלמידים און סיי פון מענטשן וואס דער ראש ישיבה האט געברענגט.

מיין התקרבות צו מוהרא"ש האט זיך אנגעהויבן פאר מיין חתונה ווען מוהרא"ש האט מיך אויסגעלערנט דריי וויכטיגע כללים וואס האבן געדינט פאר מיר ווי מיין וועגווייזער אויף צו קענען חתונה האבן.

1. מ'טענה'ט נישט מיט קיינעם און זיכער נישט מיט א ווייב. טענה'רייען העלפט זיי ווי נישט

2. דיין שווער איז דער חשוב'סטער, קלוגסטער און טייערסטער, נישט קיין חילוק וואס זאל זיין.

3. נישט יעדע פריוואטע זאך איז געמאכט איבערצוזאגן. אויב דו האסט עפעס א פריוואטע זאך וואס גייט דיר מאכן אויסזען נאריש און נישט מסודר, האלט עס ביי דיר אין בויך, טייל עס נישט מיט מיט קיינעם.

און מיט דעם האב איך אלע יארן געלעבט א זיסע לעבן. איך בין נישט געקומען צו מוהרא"ש צו זיין א שיינער איד אדער צו באלאנגען ערגעץ. איך בין נישט געקומען צו הערן שיינע תורות און האבן א זיסע חבורה. מיין התקרבות איז באשטאנען פון לערנען אשר בנחל און אטעמען פון דעם!

ס'גייט איבער אויף מענטשן - איינער ליידט פון פחדים, איינער ליידט פון זיך אליינס. יעדער האט זיך זיינע איבערגעייעכץ און יעדער זוכט זיך זיין וועג צו פארטרייבן זיינע נישט גוטע מחשבות. איינער לייגט זיך אריין אין ספארטס, א צווייטער טובל'ט זיך אריין ראשו ורובו אין די נייעס, און אזוי ווייטער טרעפן מענטשן זייערע וועגן פון קענען אנטלויפן פון נישט גוטע מחשבות און פחדים וכו'.

איך האב געטראפן דעם אשר בנחל, דאס איז מיין מעדיצין. אן דעם קען איך נישט לעבן. אן דעם הייבט מיין קאפ אן צו טראכטן נישט גוט, און דאס איז געווען מיין התקרבות - פשוט אקסידזשען, לופט צו קענען אטעמען, ווייל אן א צדיק קען מען נישט!




## די שטארקייט צו שיקן אין ברסלב'ע חדר

אויף פארענטפערט דאס וואס מענטשן פרעגן מיר כסדר: ווי אזוי, מיט יארן שפעטער, ווען די ברסלב'ער חדר האט זיך געעפנט, האב איך געהאט די קוראזש און שטארקייט צו קענען אריינלייגן מיינע קינדער אין די ברסלב'ער חדר?

די ענטפער איז אז ביי מיר איז עס בכלל נישט געווען קיין קוראזש. מוהרא"ש איז געווען פאר מיר לעבן - לופט צו אטעמען, וואס אן דעם קען איך נישט. זאל איך גיין און צונעמען די לופט פון מיינע קינדער?? איי דער און יענער... ווען מ'רעדט פון לופט צו אטעמען, קוקט מען דען אויף איינעם?! ס'איז קיין ספק נישט געווען ביי מיר פאר קיין רגע אז דאס מוז איך טון.

איך האב געזען ווי אזוי די וועלט קוקט אויס אן אשר בנחל און ווי אזוי ס'זעט אויס מיט די לימודים. און די חשבון איז זייער פשוט: פארוואס זאלן מיינע קינדער זיך פלאגן און פלאגן און אפשר ביי צוויי און צוואנציג טרעפן דעם צדיק? איך קען דאך זיי געבן א זיסע לעבן "לכתחילה אריבער" אויפוואקסן און לעבן מיט די עצות פון צדיק. דארף מען אויף דעם קוראזש?? ווער וועט דען אויסלעשן זיין קינד'ס רעספירעיטאר??

## מיין התקרבות צו מוהרא"ש נאכן ראש ישיבה

דאס איז געווען מיין התקרבות ביי מוהרא"ש, אבער ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען האט זיך אנגעהויבן א פרישע קאפיטל.

די ערשטע צוויי יאר פון דעם ראש ישיבה'ס התקרבות האב איך נאך בכלל נישט געכאפט פון וואס מ'רעדט דא... איך האב מיך געהאלטן נאנט מיט דעם ראש ישיבה אבער נישט דווקא עפעס מער ווי אנדערע תלמידי היכל הקודש. איך בין אין יענער תקופה געווען זייער פאריאגט פאר פרנסה און נישט צוגעלייגט צו פיל קאפ צו וואס עס טוט זיך אין די ישיבה...

מיינע חברים מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו און מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו זענען שוין יא ארויף צו די שיעורים פון דעם ראש ישיבה אין די בראשית יארן און געכאפט אז דא טוט זיך עפעס אן ענין אחר לגמרי... אבער איך בין נישט אנגעקומען צו דעם.

ס'איז געווען די ערשטע זומער וואס דער ראש ישיבה האט ארויסגעדינגען אן אייגענע קעמפ פאר די בחורים. עס איז געווען דארט בערך פופצן באנגעלאוס און דאס האט מען פארדינגען פאר משפחות פון אנשי שלומינו. איך האב געזוכט צו קענען האבן וואס מער היכל הקודש פאר מיר און פאר מיין משפחה, איז דאס פאר מיר געווען א גאלד-גרוב, ממש א מחיה, א ברסלב'ער קאנטרי!

אזוי ווי איך האב פריער געזאגט, האב איך דאן נאכנישט געכאפט אז דער ראש ישיבה איז סאך א שטערקערע כח ווי סתם א היכל הקודש חבר איך האב אים אנגעקוקט ווי נאך א אינגערמאן אין די חבורה... יענעם זומער, ווען מיר זענען ארויסגעקומען קיין בעהוץ קאנטרי צו אונזער באנגעלאו, האט זיך פארשטייט זיך געמאכט פול מיט זאכן וואס מ'האט געדארפט פארריכטן. דא פעלט א סקרין פאר די פענסטער, דארט א לייט באלב וכו'. איך בין געווען געוואוינט פון די פריערדיגע יארן פון זיין אין קאנטרי אז פאר יעדער זאך וואס מ'דארף, לויפט מען צום מענעדזשער ער זאל עס מסדר זיין.

דא אין קאנטרי האט דאך דער ראש ישיבה ארויסגעדינגען דעם פלאץ, און איך האב געדינגען די באנגעלאו פון אים. האב איך נישט געטראכט קיין צוויי, און געקומען נאך צוויי טעג צום ראש ישיבה מיט א גאנצע ליסטע פון אלע זאכן וואס דארפן ווערן פאררעכטן און מסודר ביי מיר אין באנגעלאו...

אזוי האט זיך דער זומער אנגעהויבן אין די ערשטע ברסלב'ער קאנטרי, גאר געשמאק און איינגענעם, און בעיקר פאר מיר - בין איך דאך געווען אויף וואקאציע, נישט אזוי פאריאגט און אינאיינעם מיט דעם ראש ישיבה.

## דער ראש ישיבה איז נישט מיין חבר

איך האב אנגעהויבן צו לייגן קאפ אז דאס איז נישט נאך א חבר אין היכל הקודש, וואס האט אגב א ישיבה דא. רעדט מען פון עפעס אסאך גרעסער פון דעם. איינע פון די זאכן וואס האט מיר גראד געכאפט איז געווען די אמת פון דעם ראש ישיבה - נישט געווען קיין שום חניפה, נישט קיין שום דריידלעך. דאס וואס איך האלט, זאג איך, און האלט איך עד הסוף. אויב איז אזוי ריכטיג צו טון, וועל איך טון וואס איז ריכטיג, זאל זיך די גאנצע וועלט איבערקערן!!

דו קענסט זען מענטשן זיך טענה'ן אז "מיין רבי איז עטרת ראשינו", אבער ער אליין אין הארץ האלט נישט אזוי. דאס איז נישט אן עכטער מענטש, און אזוי זענען אסאך מענטשן היינט. הערט ער אזוי אין מקוה, מארגן האלט ער שוין אזוי. דאס איז נישט מיט אן אמת.

איך האב איינגעזען אז דער ראש ישיבה איז נישט מיין חבר, דאס איז אן אנדערע זאך. איי, וועסטו פרעגן, "אויב איז מוהרא"ש דער צדיק, וואס איז דער ראש ישיבה?" איך ווייס נישט. די אלע סארט קשיות האבן מיך נישט געשטערט. פון מיין זייט קענסטו לייגן אויפן ראש ישיבה וועלכע טיטל דו ווילסט. איך האב געוואוסט אבער אז דער ראש ישיבה איז עפעס גאר ספעציעל .

די שפאלט אין מיין קאפ האט פאסירט ווען דער ראש ישיבה האט גע'מוסר'ט מיין זון ר' הערשל הי"ו, וואס איז נאך דאן געווען א קליין קינד. איך האב געזען א נייע מציאות - מ'קען זאגן פאר קינדער און אויסלערנען פאר קינדער, אבער מיט אן אמת און



מוהרא"ש באזוכט זומער אין בעהוץ קעמפ



מוהרא"ש באזוכט זומער אין בעהוץ קעמפ

מיט ליבשאפט: "איך האב דיר זייער ליב, אבער יעצט זאג איך דיר וואס איז ריכטיג!"

די וועלט ליידט זייער שטארק פון דעם עפידעמיע, אדער זאג איך "פיעס ענד לאוו" - מ'קען טון וואס מ'וויל, קיינער קען מיך נישט איינטיילן. אדער הרג'עט מען די קינדער אויף טריט און שריט מיטן שרייען, שלאגן און שטעכן. פאר די קינדער איז נישט דא קיין מיטל-וועג ע"פ רוב.

די וועלט פרעגט די שאלה אויף ברסלב: פון איין זייט איז מען יעדן מקרב און יעדער איז וועלקאם, און פון דער אנדערער זייט איז עס אזוי דיסציפלינירט - מ'מוז נאכגיין דעם שלחן ערוך אן קיין שום פשרות, מ'פירט זיך ערליך אויך ווען קיינער זעט נישט... ווי אזוי ארבעט דאס אינאיינעם?

דאס האב איך געזען ביים ראש ישיבה דעמאלט, און איך האב געוואוסט אז צו דעם מענטש בין איך זיך מבטל, ווייל דא איז נאר דא אמת! דער ראש ישיבה איז געווען אן עכטער מענטש.

נישט יעדער איינער האט געהאט דעם בליק וואס איך האב געהאט. ס'זענען געווען מענטשן וואס האבן אנדערש געקוקט, און ביי די צדיקים גייט דער כלל אז ווי אזוי דו פרעגסט, אזוי באקומסטו זיין ענטפער... איך געדענק, איך בין אריבער מיט מיינע קינדער ביי מוהרא"ש אמאל ביי איינע פון די מעמדים. מיינע קינדער זענען נאך דעמאלט געווען יונג, און מוהרא"ש האט מיר געזאגט: "ווען דיינע קינדער ווערן בר מצוה, וועסטו זיי נעמען און אריינלייגן אין ישיבה".

און דאס איז דער כלל ביי צדיקים: דער צדיק גייט אייביג זאגן וואס ער האלט, און אויב ווילסטו הערן און מקבל זיין, דאן שפיצט דיר אן דיין אויער, וועסטו אלעס הערן און וויסן. און אויב ביסטו קלוגער, וועסטו הערן נאר דאס וואס דו ווילסט הערן!

## ווי אזוי האט מען בימים ההם

## אנגעקוקט ברסלב אין קאנטראסט צו היינט?

אמאל איז ביי המון עם, די היימישע חסידישע גאס, געווען ברסלב אן אפגעפרעגטע זאך. יחידים זענען אלץ געווען וואס האבן מעריך געווען חסידי ברסלב, אבער ברסלב בכלל איז געווען אפגעפרעגט, און מוהרא"ש בפרט, און שפעטער אויך דער ראש ישיבה.

נאכדעם, מיט די יארן, האט זיך די הפצה אין היכל הקודש אזוי געשטארקט אז צוביסלעך האבן מענטשן אנגעהויבן צו וועלן מער וויסן און מער שמעקן און מער פארשטיין איבער די שטורעם פון ברסלב, איבער די זיסע עצות פון דעם ראש ישיבה.

מאנכע זענען טאקע מקורב געווארן. זיי האבן אנגעהויבן צו זאגן משניות, צו רעדן שיין אין שטוב, צו לעבן מיט די עצות פון רבי'ן, און מאנכע זענען געשטאנען פון אינדרויסן און זיך געוואונדערט ווי אזוי קען דער ראש ישיבה אויספירן אזעלכע שיינע זאכן.

## די גוף און די נשמה פון ברסלב

ווייל אין ברסלב איז דא א גוף און א נשמה. די גוף איז חתונה מאכן אין ישיבה בחנם, אויפבויען א שיינע שטעטל וואו מ'קען לעבן רואיג און געשמאק, די באזאר צו קענען אויסשטאפירן א משפחה מיט קליידונג פאר שפאט ביליג, דאס אז אין היכל הקודש וועט מען דיר אננעמען ווי אזוי דו ביסט, מ'גייט דיר נישט דן זיין וכו', און אזוי ווייטער אלע שיינע זאכן וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז ווי אזוי צו לעבן געזונט. און נאכדעם איז דא די נשמה פון ברסלב: זאגן משניות, גיין התבודדות, זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן "כידבר איש אל רעהו", געבן גוטע ווערטער אין שטוב און אזוי ווייטער, די אלע לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז.



מיין זוהן הרב יוסף שניצלער שליט"א אלס בחור אין ישיבה

קומען מענטשן און כאפן דעם גוף: פשיאה דער ראש ישיבה זאגט דאך אזוי גוט אז מ'זאל נישט שפענדן די משוגענע סכומים ביי חתונה מאכן די קינדער!" מענטשן ווערן פאראגאפט ווי אזוי דער ראש ישיבה זאגט וואס ער האט צו זאגן, האט נישט פאר קיינעם מורא, טוט זאכן וואס זענען קעגן די סיסטעם, און מענטשן באוואונדערן דאס. זיי ווילן נעמען די חלקים פון דעם ראש ישיבה.

אבער נישט דאס איז ברסלב און נישט אויף דעם באשטייט היכל הקודש. דאס איז א גרויסע טעות וואס דער יצר הרע פארדרייט א מענטש דעם קאפ, אז ער זאל נאר ווערן די גוף פון ברסלב און נישט קוקן צו די נשמה - די פרקים משניות, צו די רעדן שיין אין שטוב, צו די עצה פון רעדן צום איבערשטן...

דעריבער ווען דער מענטש פרובירט עס נאכצומאכן, גייט עס נישט... וואס קען מען טון צו מאכן חתונות אזוי ווי אין ברסלב? דו ווילסט חתונה מאכן אזוי ווי אין ברסלב?! זאג א פרק משניות, זאג שכח פאר דיין ווייב פארן צוזאמענלייגן דיינע קליידער, פארן זיך פארן מיט דיינע שמוציגע זאכן... וועסטו האבן א חתונה פאר ביליג!

אויב וועסטו נישט רעדן שיין צו דיין ווייב און נישט זאגן א פרק משניות און רעדן צום איבערשטן, וועסטו קיינמאל נישט האבן א חתונה פאר ביליג! קענסט פרובירן אהין און אהער - מאך א לעטערהעד, עפן אן ארגענעזאציע, פלאש אראפ א הונדערט טויזנט דאלאר אין מארקעטינג - ס'וועט דיר גארנישט העלפן! זאג א פרק משניות, נעם די נשמה, וועט דער גוף אויך מיטקומען.

אויב וועסטו אליין ביי דיר אין שטוב זיצן אויפן קאוטש און זאגן א פרק משניות, וועסטו שוין שפירן גרינגער מיט דיינע חובות! די כלל פון ברסלב: ווען דו נעמסט די נשמה, באקומסטו די גוף.

און דאס אז דער ראש ישיבה איז פאפולער און דער ראש ישיבה האט שטארקייט קעגן די שטראם און דער ראש ישיבה ברויך נישט די סיסטעם, דאס האט גארנישט מיט דיר! דאס העלפט דיך נישט און צוברעכט דיך נישט... וואס שטערט דיר די סיסטעם? וואס ביסטו אזוי פארנומען אראפצורייסן די סיסטעם? פארוואס שרייסטו אז די סיסטעם איז קאראפט?

ווייל א מלמד מאכט א תנאים פון צען טויזנט דאלאר און נעמט פיר זינגערס אויף די חתונה? דאס האט גארנישט מיט קיין סיסטעם. דער מלמד איז קאראפט, ער טוט נישט ריכטיג. און אז דו ווילסט נישט זיין אזוי, נעם ארויס דעם משניותל, זאג משניות, קום אהיים און געב א שמייכל מיט א גוט ווארט פאר דיין ווייב. פארצייל פארן אייבערשטן וואס גייט אויף דיר איבער, וועסטו נישט זיין קאראפט! דיין לעבן איז נישט תלוי אין קיין שום סיסטעם!

דער רבי האט געגעבן דעם משל מיט די סמאלע. איך פארקויף נישט קיין סמאלע... איך פארקויף תורה מיט יראת שמים - איך פארקויף נישט קיין ביליגע חתונות אין שול, איך פארקויף משניות, שלום בית און התבודדות!!! אוודאי צו דעם קענסטו שוין מאכן א ביליגע חתונה אין שול...

און אז דו וועסט זאגן א פרק משניות, וועסטו שוין נישט האבן דעם פראבלעם מיט יעדן וואס יענער זאגט? מ'דארף טאקע אזוי טון, אבער איך וויל נישט זיין דער ערשטער...

פאלג די עצות פון צדיקים, נעם די נשמה פון היכל הקודש, וועט דער גאנצער "יעדער" אוועקפאלן, וועסט לעבן נאר מיט דיך...

## קעגן דעם שטראם

א צדיק טוט זאכן אנדערש ווי "יעדער". ווען דער סאטמארער רבי איז געקומען קיין אמעריקע, איז קיינער נישט געגאנגען מיט א שטריימל. ער האט נישט געזאגט אז מ'דארף טאקע אנטון א שטריימל, אבער "איך וויל נישט זיין דער ערשטער..." ער איז אליינס בכבודו ובעצמו געגאנגען קעגן דעם שטראם און געטון וואס איז ריכטיג, און געראטעוועט אונזער דור. ווען יעדער האט געשריגן אז אידן מוזן האבן אן אייגענע מדינה, איז דער סאטמארער רבי געגאנגען קעגן דעם שטראם און זיך פאר קיינעם נישט דערשראקן. אפילו מ'האט אים געסטראשעט אז מ'גייט אים הרג'ענען, האט ער אויסגעשריגן אז א מדינה איז קעגן די תורה און דאס טאר מען נישט מאכן! "דו ווילסט מיך הרג'ענען? הרג'ע מיך! דו שרייסט אויף מיר 'שונא ישראל'? איך שרעק מיך נישט! איך זאג און טו וואס איז ריכטיג!"



דער ראש ישיבה חנוכה ביי מוהרא"ש

און אז דיין חבר גייט זאגן אז מ'האט נישט געהאלטן פון זאגן משניות, און זאגן פאר די ווייב "איך האב דיך ליב" איז בעיביאיש, דאן זאלסטו טאקע לעבן פאר דיין חבר און מאכן א תנאים פאר צען אלפים און לעב מיט דיין חבר. עס דיין אייגענע כריין. אדער לעבסטו פאר דיין חבר, אדער לעבסטו פאר'ן אייבערשטן.

## וואס קענט איר זאגן איבער די מחלוקת פון בימים ההם און אויך בזמן הזה?

מחלוקות אויף צדיקים איז עפעס וואס מוז זיין. אין יעדן דור האט מען געקריגט אויף צדיקים. אוי ואבוי האבן בעלי מחלוקת מיאוס אפגעשניטן. מחלוקת איז א שפיל מיט פייער. ווער ס'רירט נאר די קלאמקע פון מחלוקת, אפילו מ'האט נישט געכאפט און אפילו לשם שמים – מחלוקת איז א פייער וואס ווער ס'רירט דאס נאר אן ווערט פארברענט.

ווען איך קום אריין אין שול ביים רבי'נס שול, עפן איך נישט קיין פענסטער, רוק איך נישט קיין בענקל, איך פרעג נישט פארוואס די קאווע איז פארשפארט און פארוואס די מקוה איז נישט געהייצט... און ווען דער גבאי שיקט מיר צו צום עמוד, גיי איך צו, צי איך וויל יא אדער איך וויל נישט, ווייל ס'איז נישט מיין ביהמ"ד, ס'איז דעם רבי'נס ביהמ"ד!

אין א צווייטער פלאץ מיש איך אהער, מיש איך אהין, קאך ארויף, קאך אראפ, פאל יא אוועק, פאל נישט אוועק, נו, בסדר... אבער ביים רבי'ן איז סכנת נפשות! מיש נישט, רודער נישט, ס'איז סכנת נפשות! ביי מוהרא"ש האב איך זיך נישט געוואגט צו עפענען מיין מויל! אין ברסלב, אויב וועסטו אנרירן א צווייטן, דו וועסט ווי טון א צווייטן, וועסטו באקומען א שטראף! דענדשער!

אויב גייסטו אויפן גאס און דו היטסט נישט דיינע אויגן, קענסטו זאגן "איים סארי" אייבערשטער, און דער אייבערשטער וועט דיר מוחל זיין. אבער אויב וועסטו אנרירן אן ערליכע איד, אפילו בטעות, שניידט מען ביטער אפ, און דאס האב איך אליינס געזען. כל באיה לא ישובון! ווער ס'פארטשעפעט זיך מיט אן ערליכע איד, שניידט גאר ביטער אפ.

דאס וואס מ'לאכט פון דיר און מ'שפעט פון דיר יעצט אז דו ביסט אנגעקומען צום רבי'ן, דאס גייט יעדער אריבער. און מיט אביסל סבלנות וועט אלעס באלד אריבערגיין און דו וועסט זען שיינע זאכן.

## מ'שטייט יעצט אין די חנוכה טעג, וואס קענט איר פארציילן וואס איר געדענקט פון בימים ההם חנוכה ביי מוהרא"ש?

חנוכה ביי מוהרא"ש איז געווען גאר א שיינע צייט. יעדער האט געקענט אריבערגיין צו מוהרא"ש נאכן לעכט צינדן, און מוהרא"ש האט יעדן ווארעם געווינטשן. מ'האט געקענט קומען מיט די משפחות, ס'איז זייער שיין געווען.

און טאקע פון אנהייב גלייך נאך מיין חתונה בין איך יעדעס יאר געפארן כאטש איין נאכט חנוכה צו בארא פארק מיטצוהאלטן לעכט צינדן ביי מוהרא"ש. איך פלעג שבת חנוכה זיך שלעפן קיין בארא פארק מיט מיין מנורה און מיין ווייב איז מיר זייער געטריי געווען. זי איז אלץ געקומען מיט מיר קיין בארא פארק און מיר געהאלפן טרעפן אכסניות. דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה – מיין טייערע ווייב.

מוהרא"ש האט געצינדן די לעכט, געזונגען די זמירות פון חנוכה, נישט געמאכט עפעס עקסטערע רבישע מעשיות, און



חנוכה מיט דער ראש ישיבה און די בחורים אין ישיבה

נאכדעם האט מען געקענט אריבערגיין צו מוהרא"ש. מוהרא"ש האט גערעדט צו מיר פון הארצן. ער האט גערעדט צו מיר וועגן מיין פרנסה. ס'איז נישט געווען קיין לאנגע שמועסן, נאר מיט צוויי שאלות האט מוהרא"ש אלעס געדעקט!

איך האב זוכה געווען אז מיין ווייב איז געקומען מיט מיר יעדעס יאר. נישט יעדער איז געקומען מיט די ווייב, אבער ב"ה איך האב קיין יאר נישט פארפאסט. ס'איז געווען א גרויסע שלעפ. מ'האט זיך געדארפט יאגן פון וויליאמסבורג צו קענען כאפן ליכט צינדן, יעדעס יאר מינימום איין לעכטל.

איין יאר איז ביי מיר געווען זייער שווער די פרנסה און מוהרא"ש האט מיר געפרעגט וואס איך טו. האב איך אים געזאגט אז צופרי גיי איך אין די שולן און נאכמיטאג ביי די הייזער און ביינאכט ביי די חתונות. ס'איז געווען זייער שווער דעמאלטס, מוהרא"ש האט מיטגעפילט און מיך אינזין געהאט און געדענקט וואס דרוקט מיך.

די לעצטע חנוכה ביי מוהרא"ש איז שוין געווען זייער ערנסט. מוהרא"ש'ס רביצין איז געווען קראנק און מוהרא"ש האט געזאגט ביים לעכט צינדן אז מ'גייט זאגן תהילים פאר איר זכות. מוהרא"ש האט דעמאלט געוויינט, ס'איז געווען זייער אנגעצויגן. ווי אויך האט מוהרא"ש געזאגט קלארע דיבורים וואס עס וועט זיין אויב די רביצין וועט נעמען די סארט טיפול וכו', און די תלמידים האבן געוויסט אז מוהרא"ש רעדט נישט סתם אזוי, ווי ס'איז טאקע ליידער למעשה געווען... די לעצטע חנוכה איז שוין געווען זייער אנגעצויגן.

## וואס קענט איר ענדיגן צום שלוס צו צאמנעמען דעם שיינעם שמועס פון בימים ההם בזמן הזה?

צום שלוס, אויב גייט מיר אריבער דער טאג אן צו נעמען אין די הענט אן אשר בנחל אדער אן עצתו אמונה, לעב איך נישט. עפעס פעלט מיר. דאס איז מיין לופט צו אטעמען - די חדר, די שטעטל, די חתונות אין ישיבה, די מוסד - אלעס איז שוין דער טשערי פון אויבן, אבער דער עיקר איז די לימודים, עצות און התחזקות. אן דעם קען מען נישט אנגיין און עקזיסטירן.

אויב דו ווילסט האבן דאס וואס מיר האבן געהאט ביי מוהרא"ש, צו שפירן בימים ההם בזמן הזה, דאן לערן עצתו אמונה און נעם נישט אראפ דיינע אויגן פון דען ערליכן איד וואס דערמאנט דיך פון באשעפער. וועסטו האבן אלסדינג, ס'וועט דיר גארנישט פעלן אין לעבן!

# גלאַנקען

## א גוטן פעטער משה

ה

אלאו?

ווער איז דאס?

א גוטן פעטער משה

ווער איז דאס?

חיים יעקב

אה! חיים יעקב! דו ביסט דאך די ערשטע נאמען נאך מיין ברודער חיים יעקב פון הוידי-קישמיש

וואס מאכט דער פעטער?

ברוך השם, היינט געוועזן ביי די ערשטע אור אייניקל'ס ברית! ברוך השם פאר דעם! ווער האט געקענט טראכטן פון אזוינס?! חסדי השם ברוך הוא!

ווי אזוי פילט דער פעטער?

איך דאנק דעם באשעפער אז מען קען גיין אויף די פיס!

איך האב געוואלט לאדענען די פעטער אויף אונזער גרויסע אשנאכט!

וואס?!

אשנאכט!

ווער?!

אשנאכט!

ווער רעדט דא?

חיים יעקב

אה חיים יעקב וואס זאגסטו

איך מאך אין דריי וואכן ארום א גרויסע אשנאכט

וויאזוי מאכט מען דאס

מען שניידט צינג

ווער שניידט?

די מעקסיקאנער גוים

די גוים?

יא

וואס טוען די גוים?

זיי שניידן צינג

פלינקך?

צינג

וועמענס צינג

די בהמה'ס צינג

ווער איז א בהמה?

די קי איז א בהמה

וואס טוט מען מיט די קי?

מען שניידט זיין צינג

ער לאזט?

מען פרעגט אים נישט

פארוואס פרעגט מען אים נישט?

מיט א בהמה קען מען טון וואס מען וויל

נו, ווען שניידט מען?

מען שניידט שטיקער פון די מחותן

וועמענס מחותן?

מיין מחותן

וואס טוסטו מיט אים?

איך שינד די הויט

און נאכדעם?

שנייד איך אריין טיפער און טיפער

און נאכדעם?

נאכדעם פאלט שטיקער פון אים

און נאכדעם?

נאכדעם גייט ער ווי א שאף צו די שחיטה

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

הכלל וואס איז די תכלית?

די תכלית איז ס'איז געבוירן א נייע מנהג

א נייע וואס?

א נייע פארטי

פארטי?

ס'איז אויך א כמו סיום הש"ס בבלי ירושלמי עם כל המפורשים וכל הפוסקים וכל המסתעף וכל שום וחניכא

ווער איז דער מסיים?

סי'נאכניש דא א מסיים אבער ס'איז שוין דא צינג און סי'שוין דא א סיום און סי'שוין דא א שפאגל נייע מנהג און ווער עס רעדט קעגן די שפאגל נייע "אשנאכט" מנהג איז כאלו ער רעדט קעגן די "צינג און בריסקעט מעסוירע".

וואס גייט זיין?

אונזער צוציקלך שימעלע וואס מען האט אים געטראפן א שידוך ביי דריי אום צוואנציג ווייל די טערעפיסט זאגט ער איז שוין מעטשור גייט חתונה האבן אין צוויי חדשים

און?

פיר וואכן פאר די חתונה קומט פאר די שפאגל נייע אשנאכט

וואס הייסט?

מען גרייט אן אש פאר די חתן צו לייגן אויפ'ן שטערן ביי די חופה

און?

מיר מאכן נישט קיין אויפרייס, מען רופט בלויז אלע ערשטע און צווייטע קאזנס, ווער עס קומט נישט ווערט באשולדיגט אין "צורייסן די משפחה".

וואס נאך?

מען שניידט צינג

ווער שניידט?

די גוים

פארוואס?

מען רופט עס א קארווינג סטעישן

א קאר?

ניין

א סטעישן וועיגן?

ניין

וואס יא?

א סלייסינג סטעישן

וואס איז דאס?

אזוי ווי א ירושלים'ער לאקשן קוגל סטעישן

דו פארקויפסט לאקשן?

ניין

ביסט אין ירושלים?

ניין

וואס דען?

מען עסט קוגל

קוגל?

יא

צו וואס?

מנהג

מנהג?

יא, מסורה, מעסוירע

וואס איז מסורה?

צו מאכן א קארווינג סטעישן

א קארווינג סטעישן איז מסורה?

יא

קארווינג סטעישן צי וואס?

סיי וואס, וואכנאכט, אשנאכט, בת-נאכט, ציינדל-נאכט, צומי-נאכט א סיום-אן-א-מסיים-נאכט א קארווינג סטעישן איז מעסוירע און שוין

וואס טוט מען מיט די אש?

מען לייגט עס אויף די שפאגל נייע מעסוירע זילבערנע טאץ

וויפל קאסט די זילבערנע אשנאכט-טאץ?

מיר האבן געקויפט די ביליגערע ביי די "תקנות" זילבער געשעפט פאר בלויז אכצן מאות

דו האסט געהאט דאס געלט?

אמעריקן עקספרעס האט אראפגעלייגט

די גאנצע אכצן?

יא

אמעריקן ווער?

אמעריקן עקספרעס

ווער איז ער?

א קאזן פון מיין שוויגער'ס זייט

דיין שוויגער הייסט עקספרעס פון דערהיים אויס?

זיי האב זיך געטוישט לעצטנס די נאמען

און פאר'ן טוישן?

דעלטע

דו ביסט א משפחה מיט דעלטע עירליינס?

נישט א נאנטע משפחה

א ווייטע יא?

יא מיר זענען גאנץ ווייט

פארוואס ווייט?

ס'איז ביליגער אזוי

זיי רייסן געלט פון ענק, די דעלטע'ס?

יא

אסאך?

גאר אסאך

וואס הייסט?

ס'הייבט זיך אן מיט א גארנישט, מיט זירא עי. פי. אר. מיט א ביליאן אומזיסטיגע דעלטע פוינטס דערנאך האלט עס פלוצלונג ביי א האלבן מיליאן טאלער וואס זיי בעטן און מאנען שטרענג

געפערליך, כ'האב געמיינט אז זיי זענען עשירים, די דעלטע'ס

דער פעטער וועט קומען?

קומען וואו?

צו די אשנאכט

צו די וואס?

אשנאכט

וואס גייט דארט זיין?

אלע חברים קומען, די גאנצע CREW, אויך די התמדה'דיגע (שוויץ) חבורה פון ליל ששי וועט קומען, אויך די קברי צדיקים גרופע פון קאליפארניע און אוגאנדע וועלן דארט זיין.

קברי צדיקים וועלן דארט זיין?

צו צדיקים וועלן דארט זיין? יא.

ווארט א מינוט איינער איז ביי די טיר

ווער?

איינער איז דא מיט א ברסלב'ע ספר

וועלכע ברסלב'ע ספר?

עצתו אמונה

אוי פעטער לעבן! אוי! דער פעטער ווייסט וואס דארט שטייט?

עס שטייט מען זאל נישט מאכן חובות און נישט לעבן פאר יענעם נאר פאר דעם אייבערשטן

אוי פעטער! די פעטער האט געהערט אזא זאך ווי א CULT?

CULT'טוב (כל טוב) צדיק'ל, זיי מיר געזונט.

ניין איך פרעג וועגן CULT, וועגן דיקטעיטערשיפ.

פעטעיטע טשיפ? נישט געזונט פאר מיר.

ניין פעטער לעבן, CULT! איך רעדן וועגן א CULT!

האסט א COLD? טרינק א הייסע טיי

טיי?

האסט א COLD?

ניין, "זיי" האבן א CULT.

געב "זיי" טיי

טיי?

וואס דען גייסטו געבן? COLD-CUTS?

ניין הייסע צינג מיט טעקס-מעקס פאסטראמי

נו איז וואס דארפסטו? פארוואס ביסטו נישט פרייליך? וואס דרוקט דיך? וואס טראגסטו אזויפיל לחץ אויף דיין קעפעלע, פארוואס קוקסטו מיר אויס ווי דער וועלטס פארזארגער?!

פעטער, איך וויל טאקע וויסן צו איך זאל קוקן אין דעם ספר, איינער איז געווען ביי מיין טיר מיט דעם נעכטן ביינאכט.

אז דו ווערסט קוקן אין דעם ספר ווערסטו נישט אויסטרעפן נייע נארישע מעסוירע מנהגים יעדן טאג, און דו ווערסט נישט זיין אזוי טיף אין פעקל מיט דעם אמעריקן עקספרעס און מיט דעם דעלטע.

מיט דעם ספר ווערסטו אנהייבן רעדן צו באשעפער.

כולל
היכל
הקודש

# אשריכם מחזיקי תורה

וואס איר שטיצט אונזער כולל ביד רחבה וברוח נדיבה
אז די קול תורה אין כולל זאל אנגיין אומגעשטערט, ובפרט

מו"ה **ישראל דוד העסקעל** הי"ו
מו"ה **הלל ווייס** הי"ו
פרנסי חודש כסלו

און די חשוב'ע נדבנים פון די פארגאנגענע חדשים

**שותף הכולל חודש סיון:** מו"ה **יוסף ברילל** הי"ו
**שותף הכולל חודש תמוז:** מו"ה **לייבי ליבערמאן** הי"ו
**שותף הכולל חודש אב:** מו"ה **אליעזר שמן** הי"ו

**פרנס חודש תשרי:** מו"ה **שמעון עוזר גרינפעלד** הי"ו, מו"ה **משה יחיאל פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש חשון:** מו"ה **מרדכי היימליך** הי"ו, מו"ה **שמואל אייכנשטיין** הי"ו
**פרנס חודש כסלו:** מו"ה **ישראל דוד העסקעל** הי"ו, מו"ה **אברהם הערש וועבערמאן** הי"ו
**פרנס חודש טבת:** מו"ה **אשר לעמיל זוסמאן** הי"ו, מו"ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי"ו
**פרנס חודש שבט:** מו"ה **הערשי זאבעל** הי"ו, מו"ה **יוסף ברילל** הי"ו
**פרנס חודש אדר:** מו"ה **הלל ווייס** הי"ו, מו"ה **אייזיק ראטה** הי"ו
**פרנס חודש ניסן:** מו"ה **לוי יצחק זאפיר** הי"ו, מו"ה **אפרים פעלדמאן** הי"ו
**פרנס חודש אייר:** מו"ה **ישראל פוקס** הי"ו, מו"ה **ברוך יאקאבאוויטש** הי"ו
**פרנס חודש סיון:** מו"ה **משה בראדי** הי"ו, מו"ה **יואל וועבערמאן** הי"ו
**פרנס חודש תמוז:** מו"ה **שאול חיים איינהארן** הי"ו, מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו
**פרנס חודש אב:** מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו, מו"ה **מנחם זאב שטערן** הי"ו
**פרנס חודש אלול:** מו"ה **משה איינהארן** הי"ו, מו"ה **משה ישראל האממער** הי"ו

ובזכות החזקת התורה זאל ענק דער אייבערשטער בענטשן בכל
הברכות האמורות בתורה, עס זאל מקויים ווערן די פסוק אורך ימים
בימינה בשמאלה עושר וכבוד וימלא השם כל משאלות לבכם לטובה,
און אזוי ווי דער רבי האט צוגעזאגט "ביי וועם איך נעם געב איך"

*הנהלת הכולל*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

# אַ גוּטְן קָאפּ דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד, דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ם שִׁיק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן צוּ זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶועזְן הַפְלֵא'דִיגֶע סְפָרִים אִין אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה. נָאךְ דֶעם הִסְתַּלְקוּת פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי, דֶער חֲתַם סוֹפֵר, הָאט עֶר אַלֵיין פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר תַּלְמִידִים אוּן עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן צוּ זַיין אַ פּוֹסֵק הַדוֹר.

דֶער מַהֲרַ"ם שִׁיק זי"ע הָאט אַלֵיין עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דֶערְצֵיילְנְדִיג: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין לֶערְנֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ שְׁוַואכְן קָאפּ, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ כַאפְּן זַאכְן אוּן עֶס פַארְשְׁטֵיין. אַזוֹי אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶער אִין גֶעשְׁטֶעל, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן מִיר, סֵיי וַוייל אִיךְ בִּין אַ נִידְרִיגֶער, אוּן סֵיי וַוייל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען. אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט וְויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דִי לֵצִים, נָאר אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף אִיךְ זָאל וֶועלְן לֶערְנֶען, הֶעלְף אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען!' אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. נָאכְן לֶערְנֶען אוּן אִיבֶּערְחַזְרְ'ן אַזוֹי פִיל מָאל הָאט זִיךְ מַיין קָאפּ גֶעעֶפְנְט אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פִּילְן דִי זִיסְקֵייט פוּן תּוֹרָה."

דָאס אַלֶעס הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זְכוּת פוּן זַיינֶע תְּפִלּוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיבֶּערְחַזְרְ'ן אוּן אִיבֶּערְגֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּגֶעלֵייגְט: אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אַלֵיין דֶערְצֵיילְט: "וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין לֶערְנֶען. וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר. יֶעדֶע דַף גְמָרָא וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט אִין אֵיין טָאג פֶערְצִיג מָאל, אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע פֶערְצִיג טֶעג הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט פֶערְצִיג מָאל יֶענֶעם בְּלַאט גְמָרָא. דָאס קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶע בְּלַאט גְמָרָא הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט טוֹיזְנְט זֶעקְס הוּנְדֶערְט מָאל. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעוֵויינְט בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה בַּיי אַתָּה חוֹנֵן, 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מַיין קָאפּ אִיךְ זָאל גוּט פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען'."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעהָאלְפְן אַז דֶער קָאפּ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַ טִיפְן מֹחַ, וָואס וֶוער עֶס קוּקְט אַרַיין אִין זַיינֶע סְפָרִים זֶעט דָארְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַמְקוּת וָואס מֶען טְרֶעפְט נִישְׁט אַזַא טִיפְקֵייט אִין אַנְדֶערֶע סִפְרֵי אַחֲרוֹנִים. דָאס אִיז אַלְץ אִין זְכוּת פוּן אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: מֶען לֶערְנְט זִיךְ פוּן דִי מַעֲשִׂיוֹת אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס וִויל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט. עֶר דַארְף טוּן וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן - אִיבֶּערְחַזְרְ'ן אוּן נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְחַזְרְ'ן. דָאס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צוּ טוּן, "שֶׁהָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה" - מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן נָאכְדֶעם גֶעשֶׁעט מִמֵּילָא "יָבִין" - עֶר וֶועט צוּם סוֹף פַארְשְׁטֵיין. אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען זָאל אִיבֶּערְחַזְרְ'ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וַוייל דוּרְךְ דֶעם הֶעלְפְט עֶס אַז מֶען זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי תּוֹרָה. אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל אוּנְז עֶפֶענֶען אוּנְזֶער קָאפּ אוּן אוּנְזֶער הַארְץ צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

*שיחות מוהרא"ש חלק ט"ו ערך חברה*



דער הייליגער חזון איש זי"ע

# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קמ"ב

## פאַרזעצונג פון פריער:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיין פַאמִילְיֶע לָאזְן זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין וָואלְטְשִׁיסְק, אַ וֶועג פוּן 130 קִילָאמֶעטֶער, צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער מִרְיָם. אִינְמִיטְן וֶועג, נָאךְ אַ גַאנְצְן טָאג פָארְן, זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אֵיין פַארְנַאכְטְס צוּ עֶפֶּעס אַ גַאסְטְהוֹיז, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אָפְּרוּעֶן.
דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק פוּן טְשֶׁעהְרִין, וָואס אִיז אוֹיךְ דֶעמָאלְט מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן צוּ דִי חֲתוּנָה, אַז עֶר זָאל צוּגְרֵייטְן אַ וָואגְן אוּן רוּפְן דֶעם גוֹי'אִישְׁן בַּעַל עֲגָלָה, וַוייל עֶר וִויל אַבִּיסְל פָארְן שְׁפַּאצִירְן.

ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק הָאט זִיךְ צוּגֶעאַיילְט צוּ טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס וִוילְן, עֶר הָאט אַלֶעס צוּגֶעגְרֵייט וִוי מֶען דַארְף, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וָועגְן צוּזַאמֶען מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק עֶר זָאל הֵייסְן דֶעם בַּעַל עֲגָלָה צוּצוּבִּינְדֶען דִי שְׁטְרִיק פוּן דִי פֶערְד גְלַייךְ צוּם וָואגְן, עֶר זָאל נִישְׁט הַאלְטְן דִי שְׁטְרִיק אִין דִי הֶענְט וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, נָאר עֶר זָאל לָאזְן דִי פֶערְד גֵיין אַלֵיין וואוּ זֵיי וִוילְן.

פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע נֶעפְּל אוּן טוּנְקְלְקֵייט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעדֶעכְט אוּן טוּנְקְל אַז ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען דֶעם רֶבִּי'ן כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז גֶעזֶעסְן גְלַייךְ נֶעבְּן אִים אוֹיפְ'ן וָואגְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי פֶערְד גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם וָואגְן פַאר אוּמְגֶעפֶער אַ שָׁעָה צְוֵויי, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעוִויסֶע אוּמְבַּאקַאנְטֶע שְׁטָאט, אוּן דִי פֶערְד הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ גַאסְטְהוֹיז אָן אַ דַאךְ. דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרָאפּ פוּן וָואגְן אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק, אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין דֶעם הוֹיז.

דֶער מְשָׁרֵת וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעפוּנֶען הָאט זֵיי שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט גְלַייךְ צוּגֶעגְרֵייט אַ צִימֶער פַארְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דָארְט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, אוּן ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיטְ'ן מְשָׁרֵת אִינֶעם גְרוֹיסְן צִימֶער.

אֵיידֶער דֶער רֶבִּי אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען לֵייגְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים צוּגְרֵייטְן עֶפֶּעס עֶסְן פַאר נַאכְטְמָאל, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַרָאפְּלֵייגְן בִּיז וֶוען דִי נַאכְטְמָאל וֶועט גְרֵייט.

וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט קָאכְן אוּן צוּגְרֵייטְן דָאס עֶסְן, הָאט דִי דִינְסְט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מְשָׁרֵת אַז אַלֶעס אִיז גְרֵייט, אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק אַז עֶר זָאל גֵיין אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים רוּפְן צוּ עֶסְן נַאכְטְמָאל. דֶער מְשָׁרֵת הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער דֶער רֶבִּי אִיז, אוּן ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק הָאט אַלֵיין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי וִויל נִישְׁט מֶען זָאל אוֹיסְזָאגְן וֶוער עֶר אִיז. ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְוֶועקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן מְשָׁרֵת, "אוֹיבּ וִוילְסְטוּ, קֶענְסְטוּ אַלֵיין גֵיין אִים אוֹיפְוֶועקְן", דֶער מְשָׁרֵת הָאט גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אִים רוּפְן, הָאט אִים ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק גֶעזָאגְט עֶר זָאל אִים רוּפְן, "אִיד, אִיד, שְׁטֵייט אוֹיף עֶסְן וֶועטְשֶׁערֶע".

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט פוּן שְׁלָאף, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט דָארְט עֶסְן, עֶר הָאט נָאר זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק זָאל בַּאצָאלְן פַאר דִי נַאכְטְמָאל וָואס זֵיי הָאט אָנְגֶעגְרֵייט, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט, עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן וָואגְן צוּזַאמֶען מִיט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק, אוּן וִוידֶער גֶעהֵייסְן אַז דֶער גוֹי זָאל צוּבִּינְדֶען דִי פֶערְד גְלַייךְ צוּם וָואגְן אוּן לָאזְן דִי פֶערְד גֵיין אַלֵיין, אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם עֶרְשְׁטְן גַאסְטְהוֹיז פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן.

אִינְמִיטְן וֶועג הָאט ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז מַכִּיר טוֹב פַארְ'ן מְשָׁרֵת אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט.

בְּדֶרֶךְ אַגַב אִיז ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם שְׁטָאט וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן, וָואס דֶער שְׁטָאט אִיז גָאר וַוייט פוּן דָארְט, הוּנְדֶערְטֶער קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן וואוּ זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעפָארְן אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי גַאנְצֶע שַׁיָרָה, דִי מִשְׁפָּחָה אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, צוּם שְׁטָאט וָואלְטְשִׁיסְק אוֹיף דִי חֲתוּנָה.

פַארְ'ן גֵיין צוּ דִי חוּפָּה הָאט דֶער מְחוּתָּן, הרה"ק מִוָואלְטְשִׁיסְק זי"ע, זִיךְ מַזְכִּיר גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל אִים אִינְזִין הָאבְּן בַּיי דִי חוּפָּה, וַוייל עֶר הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט דִי אוֹיגְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ וֵייס, אִיךְ וֵייס אַז דוּ הָאסְט שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגְן. וָואלְסְטוּ גֶעהַאט גוּטֶע אוֹיגְן, וָואלְסְטוּ גֶעפָארְן צוּ מִיר אוֹיף דִי חֲתוּנָה, נִישְׁט אִיךְ וָואלְט גֶעדַארְפְט פָארְן צוּ דִיר!"

*פאַרזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



# י״ט כסלו

ווי באקאנט פראוועט חסידי חב״ד יעדעס יאר י״ט
כסלו א סעודות הודאה אינאיינעם מיט א סיום
הש״ס. וואס האט פאסירט אין דעם טאג און וואס
האט דאס א שייכות מיט א סיום הש״ס?
לכבוד חנוכה ברענגן מיר אייך די דראמאטישע און
באלערנדע נס הצלה פון דעם הייליגן בעל התניא.

**מ. מאנן**

עס איז ברייט באקאנט אז ארום יעדע אור איז דא מחלוקת. ביי אונז חסידי ברסלב איז דאס ספעציעל באקאנט. דער הייליגער רבי האט געזאגט (ווען ער איז צוריקגעקומען פון ארץ ישראל), "איך האב ענק געברענגט א מתנה, מחלוקת." דער הייליגער רבי האט אונז מגלה געווען אז דורך די מחלוקת וועט ער אונז ברענגען צו גרויסע מדריגות. מיר פארשטייען נישט די חשבונות, און מיר פארשטייען אז מיר פארשטייען נישט. אבער אלע יארן איז עס אזוי געווען, אז וואו עס האט זיך צופלאקערט אן אור פון קדושה איז געווען א צד שכנגד, עס האט זיך צופלאקערט א פייער פון מחלוקת.

איינע פון די שטורעמישסטע קאפיטלעך אין די אידישע היסטאריע איז געווען די מחלוקת צווישן די חסידים און מתנגדים. ווען דער הייליגער בעל שם הקדוש האט אויסגעטראטן דעם הייליגן און ליכטיגן דרך החסידות, איז געווארן א שטארקע התנגדות ביי פיל ערליכע אידן. דאס האט ספעציעל אויפגעברענגט בלבולים ביי ערליכע אידן, ווייל כלל ישראל איז דאן געשטאנען אין די תקופה נאך כת ש"ץ ימ"ש, און יעדע נייע וועג איז באטראכט געווארן אלץ א סכנה פאר די עתיד פון כלל ישראל.

אויב א איינגערמאן האט זיך צוגעקלעבט צום דרך החסידות האט דאס צופלאקערט א מחלוקה אין די משפחה און ער איז געווארן אויסגעשפיגן פון די סביבה. (כך הוא דרכו של תורה, כך הוא דרכו של דרך החסידות, עד היום הזה...)

ווען דער בעל שם הקדוש איז נסתלק געווארן און זיינע הייליגע חסידים האבן אנגעהויבן פארשפרייטן דרך החסידות איבער די וועלט, איז די מחלוקת צופלאקערט געווארן אויף א שטארקע פארנעם.

ליידער איז מען געקומען צום הייליגן גר"א מיט אסאך פאלשע לשון הרע אויף די חסידים, זאגנדיג עדות אז זיי האבן געזען מיט די אייגענע אויגן ווי די חסידים זענען עובר אויף עבירות פון די תורה.

די כלל פון לשון הרע איז אז עס ווערט אנגענומען. עס איז צוגעקומען צו א שרעקליכע מצב פון התנגדות, ביז עס איז צוגעקומען דערצו אז מען גע'רודפ'ט אלע חסידישע רבי"ס, ובפרט די תלמידי המגיד. ליידער בשנת תקל"ב א יאר איידער דער הייליגער מעזריטשער מגיד איז נסתלק געווארן, האבן די מתנגדים ארויסגעלייגט אן איסור און א חרם קעגן זיי.

די תלמידי המגיד זענען זיך צוזאמגעקומען אין די שטאט ראוונע, דארט ווי דער הייליגער מגיד האט געוואוינט אין יענע צייט. עס איז זיך צוזאמגעקומען א הייליגע חבורה, צווישן זיי איז געווען דער הייליגער בארדיטשובער רב, דער רבי ר' זושא, און אויך דער בעל התניא. דער בארדיטשובער רב איז דאן געווען רב אין די שטאט פינסק וואס איז אין ליטא.

ווי באקאנט איז דער צדיק אויסגעשטאנען אסאך רדיפות פון די מענטשן פון זיין שטאט. ווען דער רב איז געפארן צום מגיד האבן זיך די שטאטס לייט צוגעכאפט צום געלעגנהייט און זיי האבן שנעל אויפגענומען א נייע רב, א ליטווישע רב מיטן נאמען אביגדור.

אויך האט מען אין די אפוועזנהייט פונעם הייליגן בארדיטשובער אנגעהויבן זייער פארשעמען און טשעפענען זיין ווייב און קינדער. די פרוי פונעם בארדיטשובער רב האט נישט אויסגעהאלטן וואס מען טוט צו איר און זי האט אפגעשריבן א בריוו צו איר מאן און עס אפגעשיקט קיין ראוונע. ווען דער בארדיטשובער רב האט ערהאלטן די בריוו איז ער געווארן זייער בצער און ער האט דאס געוויזן פאר זיינע חברים, די תלמידי המגיד. די תלמידים האבן אפגעמאכט אז פרייטאג צונאכטסביים טיש, וועט מען אויפליינען די בריוו פאר'ן הייליגן מגיד און זיי האבן געהאפט אז מען וועט פועל'ן אפצושטעלן די רדיפות.

אזוי האבן זיי טאקע געטון. איינער פון די חבורה האט אויפגעליינט די בריוו און זיי האבן געווארט צו זען וואס דער הייליגער מגיד וועט ענטפערן. דער צדיק האט אבער נישט רעאגירט, ער האט זיך ניטאמאל וויסנדיג געמאכט דערפון.

מוצאי שבת זענען די תלמידים געזעצן אין בית המדרש און זיי האבן געשמועסט צווישן זיך אז מען מוז זען עפעס צו טון דא מיט די שרעקליכע רדיפות. זיי האבן געהאלטן אז מען דארף אויסדרייען דעם חרם אויף די מתנגדים. דעריבער האבן זיי זיך צוזאמגעזעצט צו זען וואס מען קען טון אבער זיי האבן געזען אז זיי זענען נאר ניין מענטשן. זיי האבן געזוכט א צענטן.

דארט אינעם בית המדרש איז אויך געזעצן דער הייליגער בעל התניא. ער איז געווען פון די יונגסטע תלמידים פון מגיד. זיי האבן אבער געוואוסט אז דער בעל התניא איז א שטארקער און עס מוז נישט זיין אז ער וועט מסכים זיין צו זיי, דעריבער האבן זיי אפגעמאכט אז זיי וועלן אים פרעגן וואס ער האלט אז מען דארף דא טון. זיי זענען צוגעגאנגען צו אים און אים געפרעגט וואס ער האלט אז מען זאל טון דערצו אז די חסידים ליידן אזויפיל רדיפות פון די מתנגדים, עד כדי כך אז זיי האבן ארויסגעגעבן אן איסור, א קול קורא קעגן אלע חסידישע רבי"ס און חסידים בכלל, וואס האלט דער בעל התניא מען דארף טון?

האט דער בעל התניא געזאגט אז מען דארף אויסדרייען די איסור, די חרם אויף זיי. די חברים האבן זיך ארויפגעכאפט דערויף און אים געזאגט, "נו, קום און זיי זיך מצרף."

און אזוי האבן די הייליגע תלמידים געטון וואס זיי האבן געטון און זיך דערנאך אראפגעלייגט אין בית המדרש אביסל שלאפן.

אפאר שעה שפעטער, אינמיטן די נאכט, וועקן זיך תלמידים פלוצלינג אויף מיט שרעק. דער הייליגער מגיד איז דא! ער איז ערשינען אין בית המדרש. די תלמידים שטעלן זיך אויף מיט אימה און יראה אוןווארטן מיט פחד.

דער מגיד איז גלייך צוגעטראטן צום ענין. מיט זיינע הייליגע אויגן קוקט ער אויף זיי און פרעגט, "וואס האט איר געטון?!" די תלמידים האבן מיט גרויס פחד דערציילט פאר'ן מגיד וואס זיי האבן געטון, באין ברירה, אבער דער מגיד האט אויסגעזען זייער נישט צופרידן דערפון.

"איר האט דאס נישט געדארפט טון." האט ער געזאגט, "אבער אזויפיל האט איר גע'פועל'ט אז וואו עס וועט זיין א מחלוקה צווישן חסידים און מתנגדים, וועל די חסידים האבן די אויבערהאנט. און אזויפיל האט מען קאליע געמאכט, אז איך וועל דארפן נסתלק ווערן."

יענעם י"ט כסלו תקל"ג איז דער הייליגער מגיד נסתלק געווארן. איידער זיין הסתלקות האט ער צוגערופן דעם הייליגן בעל התניא און אים געגעבן די האנט, זאגנדיג דערביי, "י"ט כסלו איז אונזער הילולה."

די ארומיגע האבן דאן נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט. מען האט געקלערט אז אפשר וועט דער בעל התניא אויך נסתלק ווערן אין דעם טאג? אבער יארן שפעטער ווען דער בעל התניא איז ארויס פון תפיסה אין דעם טאג, האט מען שוין פארשטאנען די ווערטער פונעם צדיק.

# י״ט כסלו

נאך די הסתלקות פון מגיד האט זיך די דרך החסידות אנגעהויבן נאכמער צו פארשפרייטן. אין פוילן איז געווען דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך מיט זיינע תלמידים. אין רוסלאנד האט זיך באזעצט רבי מענדעלע וויטעפסקער. שפעטער ווען ער איז געפארן אויף ארץ ישראל האט דער הייליגער בעל התניא איבערגענומען און ער איז געווארן דער רבי פון יענע געגנט.

תקמ״א האט דער הייליגער גר״א נאכאמאל מחדש געווען דעם איסור אויף חסידים און עס האט זיך אנגעהויבן פרישע רדיפות. די מתנגדים האבן פרובירט מאכן בלבולים אויף די חסידים און אפשטעלן די שטארקע און שנעלע וואוקס פון דעם דרך החסידות. עס האט ווייטער געברענט א פייער פון התנגדות און רדיפות.

תקנ״ח האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה פון א קייט פון מסירות וואס די מתנגדים האבן אריינגעגעבן אויף די תלמידי הבעל שם. וואס איז דאן געשען? די מתנגדים האבן דערציילט אז ביי די לוי׳ פון דער הייליגער גר״א וואס איז געווען סוכות תקנ״ח, זענען געווען אנוועזנד צוויי גרויסע תלמידים פון דער הייליגער בעל התניא און זיי האבן געלאכט און געשפעט בשעת די לוי׳. דעריבער האבן זיי זיך גענומען דערצו און געזוכט זיך אפצורעכענען מיט חסידים און בפרט מיטן בעל התניא.

די מעשה איז געווען א פאלשע, ווייל עס איז זייער נישט מסתבר אז די גרויסע לייט פונעם הייליגן בעל התניא זאלן חלילה אזוינס טון, ווייל מען זעט מערערע כתבים ווי דער הייליגער בעל התניא שרייבט אז מען זאל חלילה נישט רעדן קעגן דעם גר״א ווייל ער איז א גדול בדור, און אויך זאל מען נישט טשעפענען זיינע תלמידים.

היסטאריקער ווילן זאגן אז די אמת׳ע סיבה פארוואס עס האט זיך אנגעהויבן מסירות אין יאר תקנ״ח איז ווייל אין יענע יאר איז די גאנצע געגנט ווי זיי האבן געוואוינט (ראוונע) אריבער פון די פוילישע הערשאפט צו די רוסישע הערשאפט. די פוילישע רעגירונג איז געווען אזא צוריקגעשטאנענע רעגירונג און אז ווען מען האט גע׳מסר׳ט האבן זיי זיך נישט צופיל געקימערט. אבער יעצט אז די געגנט פונעם הייליגן בעל התניא איז אריבער צו די רוסישע הערשאפט, האט שוין א בלבול געהאט א קראפט. רוסלאנד איז דאך געווען א שטרענגע רעגירונג און אז מען האט איינעם גע׳מסר׳ט אלץ א פיינט פון די רעגירונג איז נישט געווען קיין מעשיות, מען האט דאס זייער שטרענג גענומען. דעריבער האבן די מתנגדים יעצט געהאט די כח צו טון וואס זיי האבן געוואלט.

לײדער האבן די מתנגדים געדינגען א רב, טאקע דעם אויבערדערמאנטן אביגדור, וואס האט זיך געזעצט אויפ׳ן כסא הרבנות ווען דער הייליגער בארדיטשובער איז געפארן צום מגיד. ער איז געפארן קיין פעטערסבורג, וואס איז דאן געווען די הויפטשטאט פון רוסלאנד, און אריינגעגעבן א קלאגע קעגן חסידות בכלל און אויף דעם בעל התניא בפרט. ער האט זיי אנגעקלאגט אז די חסידים האבן געעפנט כאילו א נייע ״רעליגיע״ און די חסידישע רבי״ס פירן א שטיקל מלוכה פאר זיך, וואס דאס איז א מרידה אינעם רוסישן צאר.

אויך האבן זיי געטראפן א שטארקע עבירה אז דער בעל התניא שיקט טויזענטער רענדלעך צום שונא׳ס לאנד. וואס איז דאס געווען? אין יענע יארן איז ארץ ישראל געווען אונטער די טערקן. די טערקישע רעגירונג איז געווען א שונא פון רוסלאנד. און דער הייליגער בעל התניא האט עוסק געווען מיט שיקן צדקת רבי מאיר בעל הנס פאר עניי ארץ ישראל, און דאס זענען די מתנגדים געגאנגען פאר׳מסר׳ן זאגנדיג אז ער שטיצט דעם שונא, טערקיי.

די רעגירונג האט אויסגעהערט די קלאגעס און עס אנגענומען. מען האט געמאלדן פאר דעם אביגדור אז מען וועט טאקע שיקן רופן דעם הייליגן בעל התניא קיין פעטערסבורג פאר אן אויספארשונג. אבער דער ״רב״ איז נישט געווען צופרידן. ער האט זיך אהערגעשטעלט אלץ א געטרייע בירגער וואס זארגט פאר׳ן צאר, און ער האט זיי אויפגעקלערט אז אויב מען וועט שיקן רופן דעם בעל התניא וועט ער געוויס טרעפן א וועג צו אנטלויפן. ער האט אנגעדרייט די גוים אז מען מוז אים גיין אפנעמען און אים ברענגען געבינדן אין קייטן.

לײדער מעשה שטן הצליח, און אזוי האבן זיי טאקע געטון. מען איז אראפגעפארן צום שטאט פונעם הייליגן בעל התניא.

אסרו חג סוכות תקנ״ט, איז אנגעקומען א דעלעגאציע פון די פאליציי אפצונעמען דעם בעל התניא אין תפיסה קיין פעטערסבורג. די חברה זענען אנגעקומען בשעת דער בעל התניא האט געהאלטן אינמיטן דאווענען. אלץ רעספעקט האבן זיי זיך געזעצט אינדרויסן פון בית המדרש צוווארטן ביז ער ענדיגט די תפילות. ווען די חסידים האבן דאס באמערקט האבן זיי שנעל דערציילט פאר׳ן בעל התניא אז די פאליציי ווארט אים אפ אינדרויסן. דער הייליגער בעל התניא האט דאן געזאגט אז א איד האט א כלל אז ער דארף פרובירן זיך צו ראטעווען, ווי מיר זעען ביי יעקב אבינו אז עס שטייט ״ויברח יעקב״, יעקב איז אנטלאפן ווען ער האט געהאט צו טון מיט עשו. ער האט געזאגט פאר זיינע חסידים אז ער ווייסט נישט אויב עס וועט אים געלונגען, אבער א איד דארף פרובירן.

אין יענע שטוב וואו דער בעל התניא איז געווען איז געווען א טיר פון אונטן, און דער הייליגער בעל התניא האט זיך געוואנדן צו יענעם טיר. ער איז ארויסגעלאפן פון די צימער און האט זיך באהאלטן אינעם בית החיים פון שטאט, וואס איז נישט געווען ווייט פונעם בית המדרש. דארט האט אים שוין אפגעווארט איינע פון די חסידים מיט א וואגן און אים צוגעטראגן צו א פארלאזטע כאטקע ביים סוף פון די שטעטל און דער צדיק האט זיך דארט אויסבאהאלטן.

אינצווישן קוקן זיך די פאליציי ארום און זיי

**״מען איז געקומען זאגן עדות אז זיי האבן געזען מיט די אייגענע אויגן ווי די חסידים זענען עובר אויף עבירות פון די תורה. און די כלל פון לשון הרע איז אז עס ווערט אנגענומען.״**

זעען אז די דאוועגען ענדיגט זיך נישט. זענען זיי אריין אין בית המדרש און אנדעקט אז דער בעל התניא איז פארשוואונדן געווארן אונטער זייערע הענט. דאס האט זיי אריינגעברענגט אין א שרעקליכע כעס. דער פאליציי מאן האט זיך גענומען צו די רביצין און אנגעהויבן סטראשען און יש אומרים אז מען האט איר געשלאגן און איר געווארנט אז אויב איר מאן באווייזט זיך נישט, וועט זיך עס ענדיגן ביטער. מען האט איר געווארנט אז מען זאל שוין ארויסגעבן דעם רב.

צו ווייזן אז מען מיינט עס אמת'דיג האט דער שליח פון די רעגירונג גענומען טעפלעך מיט פעך און עס ארומגעלייגט די שטעטל (ראוונע איז א קליין שטעטל). ער האט געזאגט פאר די שטאטסלייט אז אויב דער בעל התניא קומט נישט תיכף ארויס, וועט ער אונטערצינדן די גאנצע שטאט.

די חסידים זענען געווארן זייער פארלוירן. מען האט געשיקט א שליח זאל גיין דערציילן פאר זייער רבי וואס עס גייט דא פאר. די שטאט איז אין א סכנה וכו'. דא האט דער צדיק געזאגט, "אויב אזוי, געב איך זיך אונטער." ער האט געזאגט אז ער האט געטון זיינס, אבער אז עס קומט צו אזא מצב, וועט ער אויפגעבן.

דער צדיק איז ארויס צו די פאליציי און מען האט דעם שרף, דעם גדול ליידער געבינדן אין קייטן ווי א ווילדע פארברעכער להבדיל.

די סדר אין יענע טעג איז געווען אז די פאליציי האט געהאט א ספעציעלע שווארצע וואגן געמאכט פון בלעך, וואס דאס איז געווען די "פאליציי וואגן". דאס איז געווען געמאכט ספעציעל שרעקעדיג צו ווארפן א פחד אויף די שטאטס לייט. ווען מען האט געזען דעם וואגן האט מען געוואוסט אז עס איז צרות. אסאך מענטשן זענען מער נישט צוריקגעקומען נאך א באזוך אין דעם וואגן.

יעצט האבן זיי אריינגעשליידערט דעם בעל התניא איינער אליינס אין דעם טונקעלען וואגן. ביי די צוויי זייטן זענען געפארן פאליציי מיט געווער צוצוגעבן צו די פחד און שרעק. אזוי האט מען זיך ארויסגעלאזט קיין פעטערסבורג, מיטן צדיק.

איידער דער בעל התניא האט זיך ארויפגעזעצט אויפן וואגן האט ער זיך אויסגעדרייט צו די חסידים און געבעטן צוויי זאכן. ער האט זיך געווענדט צו זיין שוואגער, (א ערליכע חסיד פון דעם בעל התניא) מיטן נאמען ר' ישראל. ער האט אים געזאגט, "הייב זיך אויף אזויווי דו שטייסט און גייסט און פאר קיין פעטערסבורג."

אז דער רבי הייסט, פאלגט מען. מיט זיין שטארקע אמונת חכמים און תמימות האט ער געפאלגט. "אזויווי ער שטייט און גייט."

ר' ישראל איז דאן נישט געווען אנגעטון כראוי צו גיין צום הויפטשטאט. ער האט געהאט אויפן קאפ א דאשיק, נישט זיין געווענליכע הוט, אזוי אויך איז ער געווען אנגעטון מיט א שטוב כאלאט און א גארטל. אבער אז דער רבי האט געזאגט פארן, האט ער געפאלגט אן קיין חכמות. ער איז ניטאמאל אהיימגעגאנגען זיך טוישן צו אנשטענדיגע בגדים. ער האט אזוי געטון, און זיך ארויסגעלאזט קיין פעטערסבורג, "אזויווי ער שטייט און גייט."

די צווייטע בקשה וואס דער בעל התניא האט געבעטן איז געווען אז מען זאל שיקן א שליח צום הייליגן בארדיטשובער רב און אים מזכיר זיין.

אויך די שליח האט תיכף אויסגעפירט די שליחות און זיך ארויסגעלאזט צום בארדיטשובער רב. ווען דער בארדיטשובער זי"ע האט געהערט אז מען האט ארעסטירט דעם הייליגן בעל התניא, האט ער זיך אראפגעווארפן אויף די ערד און שטארק געוויינט. דערנאך האט ער געפרעגט דעם שליח, דעם חסיד, אויב דער רבי איז געווען צוטראגן ווען מען האט אים ארעסטירט.

האט דער חסיד געענטפערט אן עכטע חבד'סקע תירוץ. ער האט געזאגט, "ער איז געווען צוטראגן בחיצוניות, אבער נישט בפנימיות. ווייל איך האב געזען אז די טלית ותפילין האט ער געדענקט, אבער די פאנטאפל (שיך) האט ער פארגעסן."

דאן האט דער בארדיטשובער רב געזאגט, "דערמאן מיר וויאזוי הייסט דער בעל התניא. שניאור זלמן בן?" ער האט נישט געדענקט די מאמע'ס נאמען.

דער תלמיד האט אבער אין איילעניש און פון פחד נישט געדענקט די מאמע'ס נאמען פונעם בעל התניא. האט דער בארדיטשובער רב אויפגעעפנט א חומש בראשית. עס האט זיך געעפנט צו פרשת מקץ. דארט האט ער געזען שטיין: וירא יעקב כי יש שבר במצרים. האט דער בארדיטשובער רב געזאגט, "שבר איז ראשי תיבות שניאור בן רבקה." (די מאמע פון די בעל התניא.)

די חסידים זענען געווארן זייער צוטראגן אז מען האט אוועקגעפירט זייער רבי אין תפיסה. זיי זענען זיך צוזאמגעקומען און אפגעמאכט אז צום ערשט זאל יעדער אהיימגיין און אפשרייבן א פונקטליכע באריכט פון אלע זיינע נכסים. גאלד, זילבער, צירונג וכו', אז אויב עס וועט אויספעלן און מען וועט קענען אויסלייזן דעם רבי'ן פאר געלט, זאל מען נישט דארפן דאן אנהייבן זוכן, נאר מען זאל האבן די געלט גרייט אויפן פלאץ.

אויך האבן זיי זיך מסגף געווען און אפגעמאכט תעניתים צווישן זיך. ווילאנג דער רבי איז אין תפיסה וועלן זיי נישט עסן מאנטאג און דאנערשטאג און אפילו די טעג וואס מען וועט יא עסן, וועט עס זיין בלויז ברויט מיט וואסער. אויך האבן זיי געפראוועט חתונות אן

**"אינמיטן די נאכט, וועקן זיך תלמידים פלוצלינג אויף מיט שרעק. דער הייליגער מגיד איז דא! ער איז ערשינען אין בית המדרש. די תלמידים שטעלן זיך אויף מיט אימה און יראה און ווארטן מיט פחד."**

# י"ט כסלו

מוזיק. זיי האבן איינגעטיילט די קינדער אז מען זאל כסדר זאגן תהלים פאר'ן רבי'ן.

זיי האבן אויך אויסגענומען אז אויב איינער פון די חסידים וועלן נפטר ווערן אין די צייט וואס דער בעל התניא איז אין תפיסה, וועט מען ביי די לוי' באשווערן דעם נפטר אז ער זאל ארויפגיין צום בעל שם טוב און צום מגיד און ער זאל איינרייסן און זיי זאגן אז דער בעל התניא איז אין תפיסה און מען דארף אים באפרייען.

עס זענען געווען געוויסע חסידים וואס האבן זיך ארויסגעלאזט קיין פעטערסבורג צו זיין נאנט צום רבי'ן און זען וואס מען קען דארט טון.

...

אינצווישן פארט דער הייליגער בעל התניא מיט די שומרים ביי די זייט קיין פעטערסבורג. די וועג קיין פעטערסבורג האט גענומען אפאר טעג און די שבת קומט שוין אן. עס איז פרייטאג (בראשית). דער צדיק האט זיך דאן אויסגעדרייט צו זיינע שומרים און זיי געזאגט, אז ער וויל נישט פארן שבת. ער וויל די וואגן זאל רוען.

די שומרים האבן זיך אבער אויסגעלאכט און נישט געוואלט נאכגעבן דעם צדיק'ס פארלאנג. האט דער אייבערשטער געפירט אז פלוצלינג האט זיך א רעדל פון וואגן צובראכן. די שומרים האבן זיך גע'עקשנ'ט און עס אנגענומען אלץ א צופאל.

זיי האבן פארראכטן די רעדל און מען איז ווייטער געפארן. א קורצע צייט שפעטער איז פלוצלינג איינער פון די פערד אפגעשטארבן. אבער זיי האבן זיך ווייטער נישט געוואלט בייגן און שנעל געקויפט א נייע פערד און ווייטער געפארן.

די טאג האט זיך געהאלטן ביים גיזעגענען און די שבת המלכה האט שוין געווינקען פון די בערג. אבער די פאליציי, די רשעים, ווילן זיך נישט בייגן.

און דאן האבן זיך די אקסן (נאגלער) פון די וואגן, דאס וואס האלט צוזאם די גאנצע וואגן, צובראכן. די גאנצע וואגן איז צופאלן. דא האבן זיי שוין געהויבן הענט און געזען אז רצון יראיו יעשה. אז דער צדיק וויל נישט פארן, וועט מען נישט פארן. זיי זענען צוגעפארן צו די נענסטע האטעל און מען האט דארט גענעכטיגט ביז מוצאי שבת.

דער בעל התניא האט שפעטער געזאגט אמאל פאר די תלמידים בדרך צחות אז ביי אים איז מקיים געווארן 'צוחין אף "אקתין" בטלין ושביתין...' די אקסן האבן זיך צובראכן אז מען זאל נישט פארשווערכן די שבת.

...

ווען מען איז אנגעקומען קיין פעטערסבורג, האט מען איינגעזעצט דעם צדיק אין תפיסה. מען האט זיך געגרייט אים צו נעמען אויף אן אויספארשונג. די תפיסה האט געהאט צווי בנינים. אין איינס האט מען געהאלטן די ארעסטאנטן און אין די אנדערע פלעגט מען אויספארשן. (אזיווי די קעי. זשי. בי.)

אנצוקומען צום בנין פון אויספארשן האט מען געדארפט אריבערגיין א קליין וואסערל מיט א שיף. דאס איז פארשטייט זיך געווען א באוואכטע, מיליטערישע שיף, צו היטן אויף די פארברעכערס גייענדיג צום אויספארשונג.

דעם ערשטן מאל וואס מען האט געפירט דעם הייליגן בעל התניא אויף דעם טייך, האט זיך דער צדיק דערשראקן. ער האט געמיינט אז מען נעמט אים אויפן וואסער כדי אים צו דערטרינקען ח"ו. דער צדיק האט דאן געלאזט אפאר טרערן. אויפן שיף איז געווען א שר פון די מלוכה און זעענדיג דעם צדיק אזוי צובראכן האט ער זיך אנגערופן, "ראבינער, וואס זארגט איר? אמת בלייבט אמת."

מאויבי תחכמני. דער בעל התניא האט שפעטער דערציילט אז די ווארט פונעם גוי האט אים מחזק געווען. מיר האבן מקובל פון דעם בעל שם טוב אז אפילו א גוי קען ברענגען א שליחות פון באשעפער.

א צווייטע מאל ווען דער בעל התניא איז געווען אויפן שיף איז געווען איין ביינאכט אנהייב חודש חשון. דער בעל התניא האט זייער געוואלט מאכן קידוש לבנה, דעריבער האט ער געבעטן דעם קאפיטאן אז ער זאל אפשטעלן די שיף. דער קאפיטאן האט אבער נישט געוואלט נאכגעבן דעם צדיק'ס פארלאנג. דער הייליגער בעל התניא האט דאן מכוון געווען א שם און די שיף האט זיך אפגעשטעלט. דער צדיק האט אנגעהויבן זאגן "הללו את ה'..." און די גאנצע קאפיטל. ווען ער איז אבער אנגעקומען צו די ברכה האט ער זיך אפגעשטעלט און ווידער מכוון געווען דעם שם און די שיף האט אנגעהויבן פארן.

האט זיך דער בעל התניא געווענדן צום קאפיטאן און אים געזאגט, "איך וויל זאגן די ברכה, דעריבער ביטע שטעל אפ די שיף. דו זעסט דאך וואס איך קען טון, און איך בעט איך דיר שטעל אפ די שיף."

די סיבה פארוואס דער בעל התניא האט געבעטן די קאפיטאן אפצושטעלן די שיף און עס נישט אפגעשטעלט ווידער מיטן שם, איז געווען ווייל אונזערע צדיקים ווילן זיך נישט צו באנוצן מיט מעשי ניסים, און דער בעל התניא האט נישט געוואלט זאגן א ברכה מיט א נס.

דער קאפיטאן האט געזען אז ער האט דא צו טון מיט א געטליכן מאן, האט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און געזאגט פאר'ן צדיק, "איך וועל אייך צוליב טון, אבער וואס געבט איר מיר צוריק דערפאר?"

דער הייליגער בעל התניא האט ארויסגענומען א שטיקל פאפיר און דארט געשריבן א ברכה אז ער וואונטשט אים אן אז ער זאל נתעלה ווערן לגדולה.

יארן שפעטער איז דער קאפיטאן דערהויבן געווארן צו זיין א גרויסע מיניסטער. אין זיין אפיס האט ער אויפגעהאנגען דעם כתב יד פונעם הייליגן בעל התניא, אריינגעלייגט אין א ספעציעלע שיינע ראם. ער פלעגט אלעמאל זאגן אז זיין הצלחה קומט פון די ברכה פון דעם אידישן ראבינער.

...

טאג נאך טאג האט מען גענומען דעם הייליגן בעל התניא און אים חוקר געווען. דער שר וואס איז געווען געשטעלט העכער דעם בעל התניא איז געווען גאר א קלוגער און געלערנטער מאן. ער איז געווען בקי אין נ"ך און אין אסאך אידישע ספרים. דער צדיק האט שטארק נושא חן געווען אין זיינע אויגן.

ער פלעגט ליב האבן צו שמועסן מיטן בעל התניא און אים פרעגן שאלות פון תורה אין אידישקייט. איין טאג האט ער געפרעגט דעם הייליגן בעל התניא, "פארוואס שטייט אין פרשת בראשית אז דער אייבערשטער האט געפרעגט אדם 'אַיֶּכָּה'? האט דער רבוש"ע נישט געוואוסט וואו אדם איז? ער ווייסט דאך אלעס?"

האט דער הייליגער בעל התניא געענטפערט אז דער אייבערשטער פרעגט די שאלה פון "אדם" פון א יעדע מענטש. דער בעל התניא האט זיך צופייערט און געשריגן, "וואו ביסטו? וואו האלטסטו אויף די וועלט? וואס האסטו אויפגעטון אויף די וועלט? דו ביסט דאך שוין ... יאר אלט! (דער בעל התניא האט געזאגט די צאל יארן וואס דער שר איז דאן אלט געווען.)

דער שר איז ארויס פון התפעלות און ער האט זיך פון דאן אויפגעפירט מיט גרויס כבוד און דרך ארץ צום צדיק.

דער שר האט ליב געהאט צו לערנען פון די חכמה און זען די קדושה פון דעם הייליגן בעל התניא. איינמאל האט מען אריינגעפירט דעם צדיק אין א טונקעלע שטוב אן קיין פענסטערס און ער האט געפרעגט דעם צדיק אויב ער ווייסט וויפיל אזייגער עס איז.

דער צדיק האט אים גלייך געזאגט וויפיל אזייגער עס איז. א צייט שפעטער איז ער ווידער געקומען און געפרעגט, "איר ווייסט אצינד דעם זייגער?" אויך דאסמאל האט דער בעל התניא פונקטליך צוגעטראפן. אזוי האט דער שר פרובירט עטליכע מאל. דערנאך האט ער געפרעגט דעם הייליגן בעל התניא, "פון וואו ווייסט איר די זייגער?"

האט אים דער בעל התניא געענטפערט אז עס איז זייער פשוט. די טאג האט צוועלף שעה און די נאכט האט צוועלף שעה. יעדע שעה הערשט אן אנדערע צירוף פון די שם ה-ו-י-ה. און ביינאכט שיינט יעדע שעה אן אנדערע אות פון די שם א-ד-נ-י. דער צדיק האט פשוט געזען וועלכע צירוף עס שיינט יעצט, דעריבער האט ער געוואוסט די צייט פון טאג.

דער שר איז דאן געגאנגען צום קיסר און דערציילט פאר'ן קיסר וואס דא גייט פאר. "דער איד דא איז נישט קיין פשוט'ע מענטש. ער איז א הייליגער מאן און גאר א קלוגער. עס איז ווערד אים צו זען."

דער קיסר האט באשלאסן אז ער וויל זען דעם צדיק, אבער ער וויל זיך נישט באווייזן אלץ קיסר צום ארעסטאנט. דעריבער האט ער זיך אנגעטון פשוט'ע, פויערישע קליידער און איז אזוי אריינגעקומען אין תפיסה און געוואלט כאפן א בליק אויפן הייליגן בעל התניא.

ווי נאר דער קיסר איז אריינגעקומען אינעם צעל פונעם הייליגן בעל התניא, האט זיך דער צדיק אויפגעשטעלט און זיך פארנויגט און אים באגריסט ווי עס פאסט פאר א קעניג.

די קיסר איז זייער נתפעל און איבערראשט געווארן און ער האט זיך אנגערופן, "איך בין א פשוט'ע פויער, פארוואס שטעלטסו זיך אויף פאר מיר?"

האט דער הייליגער בעל התניא געזאגט, "מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא". ביים אייבערשטן שטייט אז עס איז דא א פחד, ווען דו ביסט אריינגעקומען איז מיר באפאלן א פחד, האב איך פארשטאנען אז דו ביסט די קיסר.

דער קיסר איז דאן דארט געבליבן און געשמועסט מיטן בעל התניא. עס איז נישט באקאנט אדער אפגעשריבן פונקטליך וואס זיי האבן דארט גערעדט.

דער שר וואס איז געווען ממונה איבער דעם בעל התניא האט שנעל איינגעזען אז די גאנצע עסק איז נישטיגע בלבולים און דער צדיק איז ריין פון יעדע חשד. ער האט אבער נישט געקענט ארויסלאזן דעם בעל התניא אן א משפט, ווייל עס האט געדארפט צוגיין מיט "יושר". ער האט אבער געוואלט א טובה טון פאר'ן צדיק. האט ער זיך געוואנדן צום בעל התניא און אים געפרעגט, "מיט וואס קען איך דיר העלפן?"

האט דער צדיק געזאגט, "איך וויל לאזן וויסן פאר מיין משפחה אז איך לעב."

האט דער שר געפרעגט, "וויאזוי? ווען איך וועל טרעפן א איד וועל איך דאך נישט וויסן אויב ער איז א חסיד אדער א מתנגד."

האט דער הייליגער בעל התניא אים געזאגט, "גיי ארויס אין גאס און זוך אויף א איד מיט א שטוב כאלאט, א גארטל און א דאשיק. ער הייסט ישראל, ער איז מיין שוואגער און זאג אים אז איך לעב."

אזוי האט דער שר געטון. ער איז ארויס אין גאס און עס האט נישט גענומען לאנג, און ער האט געטראפן דעם אויבנדערמאנטן ר' ישראל אנגעטון גענוי ווי דער צדיק האט אים געזאגט, מיט זיינע שטוב קליידער אזויווי ער איז געווען ווען דער בעל התניא איז ארעסטירט געווארן.

דער שר איז צוגעגאנגען צו אים און אים געפרעגט, "וואס איז דיין נאמען?!" ר' ישראל האט זיך זייער דערשראקן זעענדיג א רעגירונגס מאן נעבן אים. אזויווי ער איז אנטלאפן פון ראוונע. "אזויווי ער שטייט און גייט", האט ער נישט עספיעט מיטצונעמען זיינע פאפירן (פאספארט). אין יענע צייט איז געווען א פארברעך זיך צו ארומצודרייען אן פאפירן. מען האט ארעסטירט מענטשן אויב מען האט זיך געדרייט אן פאפירן.

זייענדיג אין פעטערסבורג האט ער זיך פארשאפט פאלשע פאפירן. דעריבער ווען מען האט אים געפרעגט זיין נאמען, האט ער געענטפערט זיין פאלשע נאמען.

דער שר האט אים דורכדרינגלעך באטראכט און דאן געגעבן א זאג אריין אין אויער, "ביסט א ליגענער." און דאן איז דער שר פארשוואונדן.

ר' ישראל האט זיך דערשראקן. ער האט דאס דערציילט פאר זיינע חברים, חסידים פון דעם הייליגן בעל התניא און זיי האבן אים געזאגט, "עפעס שפילט זיך דא אפ. דאס איז נישט אזוי פשוט."

אויפצומארגנס איז דער שר ווידער ערשינען. און ווידער איז ער צוגעגאנגען צו ר' ישראל. "וואס איז דיין נאמען?!" דאסמאל האט ר' ישראל געזאגט זיין אמת'ן נאמען. דער שר האט אים באפוילן, "קום נאך מיר."

ר' ישראל האט אזוי געטון, ער איז נאכגעגאנגען דעם שר ביז זיין שטוב, און דער שר האט אים באפוילן צו ווארטן אונטן. אזוי שטייענדיג זעט פלוצלינג ר' ישראל ווי פון א פענסטער פליעט ארויס א רויטע, גאנצע מעלאנע. עס האט זיך צוקראכט נעבן די פיס פון ר' ישראל, און א קליין צעטל איז ארויסגעפאלן. ר' ישראל האט זיך אראפגעבויגן און אויפגעהויבן דעם צעטל. דארט איז געווען די כתב יד פונעם הייליגן בעל התניא און עס איז געשטאנען 'שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד'. ר' ישראל האט זיך זייער דערפרייידט, און ער האט דערציילט די גוטע בשורה פאר זיינע חברים אז דער רבי לעבט ב"ה.

א דאנק ר' ישראל'ס אמונת חכמים אז ער איז געגאנגען "אזויווי ער שטייט און גייט", האט ער זוכה געווען צו זיין די איש טוב מבשר טוב פונעם צדיק.

...

דער הייליגער בעל התניא האט שפעטער דערציילט זכרונות פון זיינע טעג אין תפיסה. ער האט געזאגט פאר זיינע חסידים אז וואו א איד גייט, גייט דער באשעפער מיט אים. א איד איז קיינמאל נישט אליינס. זיין אין תפיסה איז נישט קיין פראבלעם. די איינציגסטע פראבלעם איז געווען מיט בגדי שבת. לכבוד שבת האט דער צדיק געוואלט א פרישע לבוש. אבער ער האט דאס נישט געקענט באקומען אין תפיסה. ביז עס איז אים בייגעפאלן אז ער קען נעמען זיין טאשטיכל און ער פלעגט אפרייסן א שטיקל פון די טאשטיכל יעדע וואך און דאס האט ער גענוצט צוצובינדן זיינע האלבע הויזן לכבוד שבת (ווי די לבוש ביי חסיד'ישע אידן). אזוי האט ער געהאט א פרישע מלבוש לכבוד שבת!

...

# י"ט כסלו

די וועכטער פון תפיסה איז זיך געקומען אפרעדן צום שר וואס האט אויסגעפארשט דעם הייליגן בעל התניא אז דער ארעסטאנט וויל נישט עסן. דאס איז געווען א זאך וואס אסאך ארעסטאנטן האבן געטון. עס איז געווען א וועג צו סטראשען די פאליציי, אזא סארט וועג פון זיך נעמען דאס לעבן איידער מען ווערט געשטעלט צום געריכט.

דעריבער פלעגט די תפיסה וועכטער צווינגען די מענטשן צו עסן. אויך דא, האבן זיי זיך גענומען צו די ביינער פון צדיק און מיט צוואנג פרובירט אריינצושטופן עסן. דער הייליגער בעל התניא איז אבער געווען א שטארקער און ער האט נישט געעפנט זיין מויל אפילו א טראפקעלע.

ווען מען האט דאס דערציילט פאר'ן שר האט ער זיך זייער געוואונדערט. ער איז אריינגעקומען צום צדיק און אים געפרעגט, "איר זענט דאך א קלוגער און אן ארנטליכער. איר וועט געוויס ארויסגיין ריין פון דעם משפט. פארוואס ווילט איר זיך נעמען דאס לעבן? פארוואס עסט איר נישט?"

האט אים דער הייליגער בעל התניא געזאגט אז ער וויל זיך חלילה נישט נעמען דאס לעבן, אונזער תורה ערלויבט דאס אוודאי נישט. די סיבה פארוואס ער עפנט נישט די מויל איז ווייל ער עסט נאר כשר, און די עסן וואס מען פיטערט אים איז טריפה. אז מען וועט אים ברענגען כשר וועט ער געוויס עסן.

האט אים דער שר געפרעגט, "און אז איך וועל דיר ברענגען כשר וויאזוי וועסטו מיר גלייבן אז דאס איז כשר?"

האט דער בעל התניא אים געזאגט אז ער זאל גיין צו זיין חסיד וואס וואוינט דא אין פעטערסבורג, מיט'ן נאמען ר' מרדכי. דער ר' מרדכי איז געווען א גרויסע עושר און געפירט אסאך געשעפטן אין פעטערסבורג. ער וועט צוזאמפאקן די עסן און אויב דער שר וועט עס ברענגען אומבארירט, נישט אראפגענומען די פאקונג, וועט דער בעל התניא דאס עסן.

דער שר איז אריינגעקומען צו ר' מרדכי און אים געזאגט אז ער דארף כשר'ע עסן. ער האט אים נישט געזאגט די סיבה פארוואס ער דארף עס. ר' מרדכי האט נישט געפרעגט קיין שאלות, נאר איינגעפאקט פאר'ן שר כשר'ע עסן און דאס פארדעקט אזויווי די הלכה. ער האט אבער פארשטאנען אז עפעס ליגט אונטער דעם דעריבער האט ער צוגעלייגט א קליין צעטל איינגעשטופט אונטער די עסן, 'אני רוצה לידע מי אוכל המאכל הזה.' (איך וויל וויסן ווער עס עסט די עסן.)

דער שר האט טאקע נישט צוגערירט די עסן און עס איבערגעגעבן פאר'ן הייליגן בעל התניא. ווען דער צדיק האט געזען די צעטל האט ער צוריקגעשריבן אז דאס איז דער רבי. און ער האט צוגעלייגט אין וועלכע תפיסה ער זיצט. אויך האט ער צוגעשריבן אפאר ווערטער, 'אני מבקש שתשלחו איש לווילנא.', מען זאל תיכף שיקן איינעם קיין ווילנא.

ווי נאר ר' מרדכי האט צוריקבאקומען די כלים פון דעם שר, האט ער געזוכט אויב דער אראסטאנט האט עפעס צוריקגעשריבן. ווי דערציטערט און איבערראשט איז ער געווען צו זען די כתב יד פון זיין הייליגער רבי. עס האט געהערשט א גרויסע שמחה צווישן די תלמידים.

אזוי ווי די חסידים האבן געהערט וואס דער רבי וויל, האבן זיי נישט געווארט קיין רגע, נאר גלייך געשיקט איינער פון די חברים קיין ווילנא.

...

אינצווישן איז אנגעקומען די טאג פון דעם גרויסן משפט אויפן הייליגן בעל התניא. דער הייליגער בעל התניא האט שפעטער דערציילט אז אינעם טאג פון זיין משפט האט ער געהאט גרויסע געסט אין תפיסה. דער הייליגער מגיד איז אים געקומען באזוכן פון יענע וועלט אינאיינעם מיט זיין גרויסע רבי דער בעל שם הקדוש.

דער הייליגער בעל התניא האט דערציילט אז ער האט קיינמאל נישט געקענט דעם בעל שם טוב, אבער ווען ער האט דערזען זיין הייליגן רבי קומט אריין און ער לאזט צוערשט אריין א צדיק פאר זיך, האט ער פארשטאנען אז דאס איז דער בעל שם טוב.

דער מגיד האט געזאגט פאר'ן בעל שם טוב אז דאס איז דער בעל התניא, און ער זיצט דא נאר פאר'ן רבי'ן'ס כבוד, צוליב די התנגדות קעגן חסידים און צוליב דעם וואס ער איז מפיץ דעם דרך החסידות.

האט דער בעל שם הקדוש אים געזאגט, "זאג מיר נאך א מאמר חסידות." האט דער בעל התניא אים דאן נאכגעזאגט א מאמר וואס איז געדרוקט אין ספר תורה אור וואס איז מקובל אז דאס האט דער בעל התניא געזאגט פאר'ן בעל שם הקדוש אין תפיסה. נאכ'ן ענדיגן נאכזאגן דעם מאמר האט דער בעל שם הקדוש אים אנגעוואונטשן אז ער זאל ארויסגיין ריין פון משפט.

ווי נאר דער בעל שם הקדוש מיטן מגיד זענען פארשוואונדן געווארן פון תפיסה איז מען געקומען אפנעמען דעם בעל התניא צום משפט.

מען האט געשטעלט דעם הייליגן בעל התניא פאר'ן משפט און מען האט אים פארגעלייגט 22 שאלות. דער ערשטער שאלה איז געווען אויב ער איז טאקע פון דעם 'בעל שם טוב'ס מענטשן.' אויב וואלט דער הייליגער בעל התניא געענטפערט ניין, וואלטן זיי אים געגלייבט, אויס גרויס רעספעקט וואס זיי האבן געהאט פאר'ן 'געטליכן מאן', און ער וואלט דערמיט געקענט פטר'ן די גאנצע געריכט. אבער דער הייליגער בעל התניא האט נישט געוואלט אפילו אויף א רגע לייקענען אז ער געהערט נישט צום הייליגן כת החסידות און ער האט מיט א פייער געענטפערט "יא. דאס זענען

**"אינצווישן קוקן זיך די פאליציי ארום און זיי זעען אז די דאווענען ענדיגט זיך נישט. זענען זיי אריין אין בית המדרש און אנדעקט אז דער בעל התניא איז פארשוואונדן געווארן אונטער זייערע הענט."**

מיינע רבי'ס." דאס דערמאנט וואס דער ראש ישיבה האט לעצטנס נאכגעזאגט פון מוהרא"ש זי"ע אז ווען אליעזר איז אנגעקומען צו בתואל און מען האט אים געזאגט דבר, רעד. האט ער די ערשטע זאך געזאגט: עבד אברהם אנכי, אלעס וואס איך בין און אלעס וואס איך האב ערררייכט איז פון מיין רבי. אליעזר האט נישט געלייקנט, נאר פארקערט זיך ארויסגעשטעלט צום אלעם ערשט מיט די מקור פון ער שעפט זיין חיות. אזוי אויך האט דער הייליגער בעל התניא פאר קיין רגע, אפילו אויפן פרייז פון זיין פרייהייט זיך נישט אנטזאגט אלץ א טייל פון די הייליגע דרך החסידות. ווי דער הייליגער בעל התניא האט שפעטער נאכדערציילט פאר די תלמידים, "איך האב זיך פאר קיין איין רגע נישט געוואלט אפטיילן פונעם הייליגן דרך החסידות."

דאן האט דער שופט אנגעהויבן אויספרעגן פארשידענע שאלות איבער די מסירות, מען האט אים אויסגעפרעגט איבער די געלט וואס ער שיקט קיין טערקיי (צדקת רבי מאיר אויף ארץ ישראל) און איבער געוויסע זאכן פונעם דרך החסידות וואס די מתנגדים האבן אויסגעטייטשט אלץ א מרידה במלכות. דער הייליגער בעל התניא האט אויף אלעם געענטפערט מיט א מורא'דיגע ישוב הדעת, קורץ און שארף און דאס האט זייער אויסגענומען ביי אלע אין געריכט זאל.

איינער פון די שאלות וואס מען האט אים געפרעגט איז געווען אויף דעם וואס ער האט געשריבן אין זיין ספר תניא אז מלכות איז בחינת ארץ. היתכן צו זאגן אזוינס? דאס איז א מרידה אין רוסלאנד, צו זאגן אז די גאנצע מלכות איז נישט מער ווי די נידריגע ערד?

דער הייליגער בעל התניא האט זיי געזאגט אז די שאלה קען ער נישט ענטפערן בעל פה, דאס קען ער נאר אפשרייבן בכתב. און ער האט זיך טאקע אראפגעזעצט און אפגעשריבן א גאנצע בירור אויף די שאלה אין די שפראך לשון קודש.

די סדר פון די רעגירונג דאן איז געווען, אז ווען עס איז אריינגעקומען א געשריבענע זאך אין אן אנדערע שפראך, פלעגט מען עס אפשיקן קיין ווילנא צו ספעציעלע איבערטייטשערס, געשטעלט דורך די רעגירונג, און זיי זענען געווען באשוואוירן אונטער די געזעץ עס צו איבערטייטשן פונקטליך און צוריקשיקן קיין פעטערסבורג צום געריכט. די אידן וואס פלעגן איבערזעצן די זאכן פאר'ן רעגירונג זענען געווען צוויי משומדים. צו זיי האט מען געשיקט דעם כתב יד פון דעם הייליגן בעל התניא.

...

ווי אויבנדערמאנט, האט דער בעל התניא ברוח קדשו שוין פאראויס געשיקט איינער פון זיינע לייט קיין ווילנא. דער חסיד, דער איד קומט אן קיין ווילנא און ווייסט נישט וואס ער דארף דא טון. וואו גייט א איד, ווען ער טרעפט זיך אן א ציל? אין בית המדרש.

אזוי זיצנדיג דארט, האט א שמועה דערגרייכט זיינע אויערן. ער הערט ווי א קרעמל פאלאטיזירט און מען קאכט זיך אין די נייעס. מען שמועסט אז עס איז אנגעקומען א כתב יד פונעם בעל התניא פון געריכט און די חברה האבן אונטערגעשמירט די צענזור, די אידן וואס טייטשן איבער אז זיי זאלן פארדרייען די כתב יד און צוריקשיקן די איבערגעטייטשטע כתב מיט שקרים און פארדרייען די ווערטער אויף אן אופן וואס וועט ברענגען צרות ח"ו פאר'ן צדיק.

אזוויווי דער חסיד האט דאס געהערט האט ער שוין פארשטאנען וואס ער האט צו טון דא אין ווילנא. ער האט נישט געווארט קיין רגע נאר איז תיכף אריבערגעלאפן צום צענזור, און זיך אנגעהויבן בעטן מיט תחנונים אז זיי זאלן נישט פארדרייען די ווערטער פונעם צדיק, וואס דאס איז דאך ממילא קעגן דעם געזעץ. די איבערטייטשערס האבן זיך צוגעהערט צו אים און האבן אים צוגעזאגט אז זיי וועלן נישט פארדרייען די ווערטער פון דעם הייליגן בעל התניא.

שפעטער האט דער איבערטייטשער גערופן דעם חסיד צו זיך אין אפיס און אים געוויזן די גאנצע איבערגעטייטשטע בריוו, ווי ער האט נישט אפגעטרעטן פון די ווערטער פונעם הייליגן צדיק. בשעת דער חסיד איז דארט געווען האט זיך געהערט א גערויש ביים טיר און דער איבערטייטשער האט געגעבן א קוק און געזען אז עס קומען צו גיין די גרופע מתנגדים וואס האבן אים אונטערגעקויפט. ער האט שנעל געזאגט פאר'ן חסיד אז ער זאל זיך באהאלטן אונטערן טיש און אויפגענומען די מתנגדים. זיי האבן אים געפרעגט וואו ער האלט, האט ער זיי געזאגט אז ער האט שוין געענדיגט און ער האט ארויסגעצויגן א צווייטע בריוו און זיי געוויזן וויאזוי ער האט געטוישט די פרטים לויט וויאזוי זיי האבן אים געבעטן.

דער חסיד איז געזעצן אונטערן טיש און האט אנגעהויבן ווערן אנגעצויגן. וואס גייט דא פאר? וואס איז אמת און וואס איז פאלש?

שפעטער ווען די גרופע איז ארויסגעגאנגען האט ער געפרעגט דעם איבערטייטשער, "מיט וועמען שפילסטו ארום?" האט אים דער איבערטייטשער געזאגט אז ער האט נישט געהאט קיין כח צו די דרוק פון די מתנגדים האט ער זיי געזאגט אז ער איז מסכים און אפילו אפגעשריבן וואס זיי האבן געוואלט, אבער קיין פעטערסבורג וועט ער שיקן די אמת'ע איבערטייטשונג, לויט ווי די רעגירונג פארלאנגט.

אזוי איז טאקע געווען. ער האט געשיקט די ריכטיגע התקה און דאס האט זייער אויסגענומען ביי די רעגירונג.

די לעצטע שאלה וואס מען האט געפרעגט דעם הייליגן בעל התניא ביים געריכט איז

**"אויב וואלט דער הייליגער בעל התניא געענטפערט ניין, וואלטן זיי אים געגלייבט, אויס גרויס רעספעקט וואס זיי האבן געהאט פאר'ן 'געטליכן מאן', און ער וואלט דערמיט געקענט פטר'ן די גאנצע געריכט."**

# י״ט כסלו

געווען אביסל א שווערע שאלה. זיי האבן אים געפרעגט אויף דעם וואס עס שטייט אין תניא אז די אומות העולם טוען נישט קיין חסד לשם חסד. עס איז נישטא ביי זיי קיין ניצוץ פון טוב. זיי האבן אים אנגעפרעגט דערויף. היתכן ער שרייבט אזא זאך אז אין די גאנצע רוסישע מלוכה איז נישטא ביי זיי אזא זאך ווי גוטס? ער וויל זאגן אז אלעס וואס זיי טוען איז לרע, לגנאי, שלעכטס?

אויף די שאלה האט דער הייליגער בעל התניא נישט געענטפערט. דער בעל התניא האט נאר געשמייכלט צום גוי וואס האט געפרעגט די שאלה און אים געווינקען מיטן אויג.

דער שופט האט צוריקגעשמייכלט און די געריכט האט זיך געענדיגט. דער בעל התניא האט שפעטער דערציילט אז ער האט געוואונקען צום שופט, "21 שאלות האסטו מיר געפרעגט. איך האב דיר אלעס פארענטפערט און איך בין געבליבן גערעכט דערמיט. דו ווילסט איך זאל אויך ענטפערן די שאלה און בלייבן גערעכט?!" דער שופט, וועלכער איז געווען א קלוגער מאן האט פארשטאנען אז עס וועט נישט ארויסקומען קיין גרויס כבוד אויב דער הייליגער בעל התניא וועט אויך די שאלה ענטפערן, דעריבער האט ער דערמיט פארענדיגט דעם משפט.

א יאר דערויף ביי דעם סעודות הודאה י״ט כסלו האט דער הייליגער בעל התניא גערעדט פון דעם אז מיט שמחה איז מען ממתיק דינים, האט ער געזאגט אז ער האט עס אליינס געזען ביי זיך, אז מיט איין שמייכל האט ער אין געריכט זאל ממתיק געווען אסאך, אסאך דינים.

ט״ו כסלו האט דער רעגירונג באשטעטיגט אז ער רייין פון אלע באשולדיגונגען און מען האט אים געזאגט אז ביז א טאג צוויי וועט מען אים באפרייען.

י״ט כסלו, אינעם יארצייט פון הייליגן מגיד, האבן זיי אונטערגעשריבן דעם דעקרעט אז דער בעל התניא קען גיין פריי. ווען מען איז אריינגעקומען צום הייליגן בעל התניא און אים איבערגעגעבן די פרייליכע בשורה, האט דער בעל התניא געהאלטן אינמיטן דעם יום תהלים (עס איז געווען אין א דינסטאג). דער בעל התניא האט דאן געהאלטן ביי די ווערטער 'פדה שלום נפשי'.

די פאליציי האט אים דאן געפרעגט וואו ער וויל גיין. האט דער הייליגער בעל התניא געזאגט אז ער האט דא א חסיד ר' מרדכי, וואס האט ווי אויבנדערמאנט געשיקט עסן אין תפיסה פאר זיין רבי, און ער האט געבעטן אז מען זאל אים טראגן צו אים אין שטוב.

די פאליציי האט אים טאקע אפגעטראגן אהין, אבער דער ר' מרדכי האט געוואוינט אין א בנין מיט נאך א איד, א שטארקע מתנגד. די סאלדאטן וועלכע האבן אפגעפירט דעם הייליגן בעל התניא האבן נישט געוואוסט פונקטליך ווי דער ר' מרדכי וואוינט און זיי האבן אים בטעות אריינגעפירט צום מתנגד אין שטוב.

דער מתנגד עפנט דעם טיר און צו זיין שאק און ערשטוינונג זעט ער נישט קיין צווייטער ווי דער הייליגער בעל התניא. נאך איידער ער האט זיך געהעריג אריענטירט איז שוין דער צדיק געווען ביי אים אין שטוב. ליידער האט ער אויסגענוצט די אומערווארטעטע געלעגנהייט און ער האט אנגעהויבן רעדן צום הייליגן בעל התניא מיט חוצפה און מיט א שרעקליכע זלזול. ער האט געזאגט, "דו מיינסט אז דו ביסט באפרייט געווארן? איך וועל דיר נישט ארויסלאזן פון מיין שטוב ביז וויילאנג דו וועסט שרייבן א בריוו צו אלע חסידים אז דו ביסט מבטל אלע מנהגים וואס דער בעל שם טוב האט איינגעפירט ווי כתר און דאווענען נוסח האר"י וכו'."

ער האט אויפגעהאלטן דעם בעל התניא און גערעדט מיט זלזול צום צדיק אזוי פאר אפאר שעה. דער הייליגער בעל התניא האט זיך שפעטער אויסגעדרוקט אז די זיבן וואכן אין תפיסה איז אים געווען א קינדערשפיל קעגן די פאר שעה ביים מתנגד אין שטוב. די יסורים איז אים געווען פיל שווערער.

אינצווישן האבן די חסידים אנגעהויבן זוכן דעם רבי'ן. זיי האבן ערהאלטן די ידיעה אז דער רבי איז באפרייט אבער זיי האבן נישט געוואוסט וואו דער רבי איז אהינגעקומען. זיי האבן געהערט זאגן אז דער רבי איז געגאנגען צו ר' מרדכי, אבער ר' מרדכי האט גארנישט געוואוסט דערפון. אינצווישן האט איינער געהערט געשפרעכן ביים שכן און ער האט צוגעלייגט אן אויער. זיי זענען דערציטערט געווארן צו הערן וואס דארט גייט פאר. דער מתנגד האט פשוט פארכאפט דעם רבי'ן. עס זענען געווען דארט צוויי אידן. איינס איז געווען ר' מרדכי, דעם חסיד פונעם בעל התניא און דער צווייטער א חסיד פון אן אנדערע חסיד'ישע רבי.

אינאיינעם האבן זיי אריינגעשטורעמט אין שטוב פונעם שכן, און זענען דערשראקן און דערציטערט געווארן צו זען ווי דער מתנגד שטייט און רעדט אזוי פרעך מיט עזות צ צדיק.

דער ערשטער איז אריין ר' מרדכי. ער איז געווען מלא כעס און ער האט געוואלט צומאלן דעם שכן. אבער דער בעל התניא האט אים אפגעהאלטן און געזאגט אז ער זאל אים נישט טשעפענען.

ר' מרדכי האט געפאלגט דעם רבי'ן און נישט אויפגעהויבן די האנט. אבער דער אנדערער איד, דער חסיד איז דארט געשטאנען און זיך אנגערופן צו ר' מרדכי, "דער בעל התניא איז דיין רבי דעריבער מוזסטו אים פאלגן, אבער איך מעג זיך אננעמען פאר כבוד התורה, פאר'ן כבוד פון דעם צדיק." און ער האט דערלאנגט פאר'ן מתנגד א מתנת יד צום געדענקען און האט אים פארגעהאלטן, "א פויער קומט זאגן דעות וויאזוי צו מאכן די קרוין פאר'ן מלך? דו קומסט צום רבי'ן מיט דיינע נארישע דעות צו מען זאל זאגן כתר צו נישט?"

מען האט ארויסגעפירט דעם צדיק און פון דארט איז ער ענדגילטיג באפרייט געווארן. דאס איז געווען י״ט כסלו. בשעת דער בעל התניא איז אהיימגעפארן, האבן אידן געשטראמט פון אלע זייטן צו באגלייטן דעם רבי'ן אהיים קיין ראוונע.

אהיימקומענדיג האט דער צדיק זיך געזעצט שרייבן בריוון פאר זיינע חברים ווי דער בארדיטשובער רב זי״ע און נאך.. אין ספר תניא איז דא א בריוו נאכן באפרייט ווערן, וואס הייבט זיך אן 'קטונתי מכל החסדים'.

אינעם בריוו בעט ער אז מען זאל חלילה נישט טשעפענען די מתנגדים נאר אדרבה פארמערן אין תורה וגמילות חסדים.

אויך האט דער בעל התניא געבעטן אז יעדעס יאר י״ט כסלו זאל מען מאכן א סיום הש״ס און אזוי פירן זיך ביז היינט חסידי חב״ד. מען טיילט איין ש״ס צווישן זיך (חלקות הש״ס) און אזוי ענדיגן זיי ש״ס בו ביום י״ט כסלו.

דעם ערשטן מסיבה תק״ס האט דער הייליגער בעל התניא געפראוועט אינאיינעם מיט זיינע חסידים און ער האט דאן מחבר געווען די חב״ד ניגון פון "קלי אתה ואודך".

זכותו יגן עלינו.

(דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס דער בעל התניא איז געווארן ארעסטירט. מען האט דעם בעל התניא איינגעזעצט א צווייטן מאל אין תפיסה אבער דאס וועלן מיר בס״ד לאזן פאר א צווייטע געלעגנהייט.)


אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו ומה יפה ירושתינו
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
אונזער ירושה
מסיבת הכרת הטוב
יומא דהילולא קדישא
של מוהרנ״ת ז״ע
מסיבת הכרת הטוב
פאר אלע חשובע תומכים פון קרן הדפסה
יומא דהילולא קדישא
פון אונזער רבי מוהרנ״ת זצוק״ל
וואס וועט פארקומען מיטן אייבערשטנס הילף
דינסטאג פרשת יתרו י״ז שבט
FEB. 3 ולמספרם
דעטאלן וועלן נאכפאלגן אי״ה
*sruliHeskel



בס"ד
פרשת מקץ
אויסגאבע # 1
אינדערהיים
איך קוק אויף די ליכט
ש. טראכטער
לאמיר שמועסן
מיט ר. זיכערמאן
ברסלב'ע חשמונאים
ש. ל. פליישמאן
איבערגעדרייטע ליכט צינדן
מ. פאפנהיים

# אינהאלט


8





15





**בס"ד**
פרשת מקץ
תשפ"ו
**נומער 1**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים



**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**bletelmagazine@gmail.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

כלעטל אינדערהיים קינדער היים




# דערפרישענד

*sruliHeskel

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Breslevbletel@gmail.com

## ג. פעקעטע
מאנסי

1. איינע פון מיינע קינדער איז די לעצטע פאר טעג אהיימגעקומען פון חדר זייער נישט רואיג. ער האט געמאכט tantrums און געווארפן זאכן, איך האב אים נישט געקענט בארואיגן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן: "באשעפער, העלף איך זאל וויסן וואס פעלט אים און אים קענען בארואיגן". למעשה בין איך געגאנגען מיט אים צום דאקטער, און ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער האט סטרעפט. שכח אייבערשטער, נאך אפאר טעג פון נעמען די מעדעצין האט ער זיך בארואיגט און ער קומט אהיים פון חדר צופרידן.

2. ס'איז געווען אזא רעגנדיגע פארשלאפענע זונטאג. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ווען די קינדער קומען אהיים פון חדר זאל זיין אזא געשמאקע צייט און די קינדער זאלן זיך נישט קריגן.

שכח אייבערשטער, ס'איז געווען ספעציעל רוהיג און פרייליך.

## ה. סאמעט
קרית ברסלב

1. וויאזוי וועל איך אויסשטעלן די צופרי מארגן?

איך האב געוואלט מאכן א פרישטיג פאר א קימפעטארין, און איך האב געוואוסט אז איך קען עס שיקן 8:30 צופרי מיט מיין מאן, ווען ער גייט אין חדר זיין א מלמד. אבער יעדן טאג אזא צייט איז אזוי העקטיג, יעדער דארף עסן, זיך אנטון, זיין גרייט, ארויסבאגלייטן. וויאזוי קען איך מאכן א פרישטיג רואיג, ס'זאל אויסקומען גוט, און אויך זאל עס זיין גרייט אין צייט?

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט זיין אזוי פארנומען, און וויסן וויאזוי דער אייבערשטער וועט מיר העלפן. ווען איך קוק צוריק טראכט איך אז ס'איז א שאד צו זארגן, נאכדעם וואס כ'האב געבעטן העלפט דער אייבערשטער אזוי שיין.

ס'איז געווען אן אינטערעסאנטע וועג וויאזוי דער אייבערשטער האט געהאלפן. צופרי שטייט מען אויף צו א שיינע גרויסע שניי! דא אין שטעטל זענען מיר געבענטשט מיט גוטע מוסדות וואס האבן אלעמאל חדר און סקול, און אויך זענען מיר געבענטשט מיט גאנץ אסאך שניי, דאס מיינט אז די געטרייע טאטעס נעמען די קינדער צום חדר.

סיי די גרעסערע קינדער און סיי די קלענערע האבן אנגעהויבן חדר 9:30, אזוי האב איך געווען צייט צו אנגרייטן דעם פרישטאג, אויך האב איך נישט געדארפט זיין גרייט אראפצוגיין ווארטן ביי דער באס. מיין מאן האט גענומען דעם פרישטיג צוזאמען מיט אלע קינדער.

דער אייבערשטער האט גוטע וועגן וויאזוי מיין צופרי זאל זיך אויסשטעלן אזוי רואיג.

2. די זעלבע טאג ביינאכט איז געווען געפלאנט א צוזאמקום פאר די מלמדים און טאטעס פון די קינדער. אזויווי מיין מאן איז א מלמד מיינט עס פאר מיר א שפעטע נאכט. איך האב אבער געוואלט גיין שלאפן פרי, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן. למעשה האט מען צוליב די שניי געדארפט אפשטופן די אסיפה אויף אן אנדערן טאג, און איך האב געקענט גיין שלאפן פרי.

מ'דארף נאר בעטן און דער אייבערשטער העלפט.
שכח אייבערשטער.

## ש. זעלקאוויטש
קרית ברסלב

איך בין געווען אין סקול ווען ערגעץ אינמיטן באמערק איך אז מיין ווייסע סוועטער האט באקומען א גרויסע אומגעווינטשענע צייכן. די ערשטע מינוט האט מיר עס גוט געבאדערט, אבער איך האב זיך דערמאנט פון תפילה. נאכן בעטן דעם אייבערשטן האב איך זיך פארלאזט אז דער אייבערשטער וועט מיר זיכער העלפן

נאכן אהיימקומען פון סקול האב איך ארויפגעריבן "טייד" וואס מ'נוצט צו וואשן וועש. שכח אייבערשטער, נאכן רייבן אביסל איז עס כמעט אינגאנצן ארויסגעקומען. איך האב נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן און נאכאמאל אריינגעריבן, און דער אייבערשטער האט מיר אינגאנצן געהאלפן, איך האב צוריק מיין שיינע ווייסע סוועטער.

## ח. פעלבערבוים
קרית ברסלב

שכח אייבערשטער איך האב חתונה געהאט, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן אלעס וואס א אידישע שטוב דארף האבן.

אבער די וואשמאשין איז נאך געווען אויפן וועג. זעט אויס אז דער אייבערשטער האט נאך געוואלט הערן אביסל תפילות. די קאמפאני האט געזאגט אז ביז דריי טעג דארף עס אנקומען. איך האב שוין געוואלט וואשן וועש. "באשעפער, העלף ס'זאל אנקומען ווי שנעלער".

עס האט מיר געמאכט זייער פרייליך צו זען א טאג שפעטער ווי עס קומט אן א דעליווערי טראק, און יא! ס'איז א וואשמאשין פאר מיר! שכח אייבערשטער, מ'האט עס קאנעקטעד און איך האב געקענט וואשן וועש! שכח אייבערשטער.

## ג. אפפעל
קרית ברסלב

1. איך האב זיך ערלויבט צו קויפן זיסע פלאופערס פאר מיין בעיבי, נאכן אפוואשן איינס וואס איז געווארן שמוציג, לייג איך עס אוועק, אבער ווען איך וויל עס נאכאמאל אנטון, טרעף איך נישט די אנדערע. קודם האב איך געדאנקט דעם אייבערשטן אז איך האב נישט פארלוירן א קינד, און נישט ח"ו א האנט אדער א פוס. ס'איז נאר א פלאופער. אבער נאך אלעם קען איך בעטן מ'זאל עס יא טרעפן.

מאנטאג ווען מיין גוי'טע איז געקומען האב איך געטראכט אז זי וועט עס זיכער טרעפן ווייל זי רוקט אוועק אלע בעטן, און מיין הויז האט נישט קיין לאך. אבער ניין, די גוי'טע איז שוין אהיים און אין די שאפע זע איך ליגן נאר איין פלאופער.

ווען איך האב זיך דערמאנט, האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן עס צו טרעפן. ס'גייט אריבער דינסטאג, מיטוואך, דאנערשטאג, ס'איז נישטא. שכח אייבערשטער, פרייטאג מאכט מען גרייט די הויז לכבוד שבת קודש, און דא איז עס, מ'האט עס געטראפן!

2. איך האב לעצטנס אריבערגעלייגט מיין בעיבי פון א קליינע קריב צו א גרויסע קריב. איך האב געוואוסט פון זייער א זיסע באקוועמע סעט פון א קליינע קישעלע מיט א דאכענע און א ליילעך. איך האב אבער געוואוסט אז ס'קאסט אסאך געלט, האב איך געטראכט ס'וועט זיין גוט אזוי, כ'וויל נישט ספענדן אזויפיל געלט. וואס טוט מען אין אזא מצב? בעטן דעם אייבערשטן קען מען אלעמאל. יעדע מאל ווען איך בין אריבער די בעיבי רום האב איך געבעטן דעם אייבערשטן.

מיין שוועגערין האט געהאט א בעיבי, און איך האב גענומען איר קליינע מיידל צו בעיביסיטן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל מיר נישט זיין צו שווער. שכח אייבערשטער, ס'האט זיך גוט אויסגעארבעט, זי האט זיך גוט אויסגעקומען מיט מיינע קינדער. ווען ס'איז געקומען צייט איר אהיימצושיקן, זאגט מיר מיין שוועגערין: "איך האב פאר דיר א מתנה, עפעס וואס דו האסט נישט". איך טראכט וואס האב איך נישט, איך האב אלעס. און אפילו אויב נישט, וויאזוי ווייסטו וואס איך האב נישט? זי קומט צו די טיר מיט א שיינע בעג. אינעווייניג ליגט א צוקערדיגע ווארעמע לינען סעט פאר מיין בעיבי, פונקט וואס איך האב גע'חלומ'ט!

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## ברסלב'ע חשמונאים

אין בית המקדש
די חשמונאים
זיי גייען אריין
און טרעפן זיך אן
מיט א באלאגאן.

ווי תשעה באב,
די מצב קוקט אויס,
קיין פינטל טוב,
דא איז דער סוף.
הקדש פארדארבן;
א טיפע חורבן.

איין חשמונאי,
א ברסלב'ער איד,
זוכט מיט יגיעה
און ווערט נישט מיד.
"קוקט א פליאה
איך האב א מציאה"
א קריגעלע אויל
ארויס ער ציעט...

"אידן, קוקט נאר קוקט!
דער אייבערשטער האט אונז,
איין קריגל געשיקט.
אין דעם אויל עס ליגט,
פאר איין טאג גענוג.
א שמחה, א גליק
מיר האבן געזיגט!"

זיי וואלטן געקענט,
פארלוירענערהייט,
הייבןביידע הענט...
שוין גענוג געטרייט.
פארפאלן עס איז,
טרויערן מען מוז.
א טומאה אין היכל,
ווער איז מסוגל,
געבן א שמייכל,
פאר איין קריגל אויל?!

* * *

א אידיש קינד,
פון באשעפער ווייט...
פארשמירט מיט זינד,
פון קאפ ביז פיס...
א שגץ ער איז,
אנזידלען מען מוז,
ממש א חורבן,
אינגאנצן פארדארבן.

* * *

א teenage מיידל,
זי טוט זיך קליידן
היבש ווייט פון איידל
the latest perfect
אבער עס שמעקט
אזוי נישט correct...
ווילסט איר אויסמיידן
קענסט איר נישטליידן...

* * *

אין מח נעמסט ארויס
א שווארצע קרעיאן
שפיציג און גרויס
צו פארבן דיין מאן
טרעפסט נאר חסרונות
אלטע חשבונות
בלאנדזשעסט אריין
אין א באלאגאן...

* * *

דו קוקסט אויף דיין קינד
ווי אויף א בייזע ווינט
ביסט פול מיט פארדרוס
"אוי, נאכאמאל, פארוואס..."
זוכסט נאר די name
פאר זיין פראבלעם.
לויפסט צום טעראפיסט
גראבלען אין די מיסט...

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ש. ל. פליישמאן

* * *

דער מאן - אין די ווייב
זעט איין גרויסע פלאפ
זי כעס'ט זיך נאן סטאפ...
די הויז ממש פליט
איז עס נישט איר דזשאב
די הויז מאכן ניעט?!
אויף אזא אופן
קינדער מען ערציהט?!

ביים שפיגל אליין,
זעסטו זיך דארט שטיין...
עוונות plenty
איין שטיק כשלונות.
וואס וועט פון מיר זיין?
שלעכט אויף דיר דו קוקסטו,
זיך אליין צעדרוקסטו...

* * *

אזא טיפע בראך
הונדערטער קריגלעך
צעבראכן אויף שטיקלעך.
און זיי קוקן דאך,
אויף איין שמן זך...
פרייליך און גליקליך.

אידישע קינדער,
א נס, אזא וואונדער,
מיט איין פך שמן
באנייט און באלויכטן.
דעם בית המקדש,
ווידער פארראכטן...

פון איין אויל קריגל
מיטן כהן'ס זיגל
א יום טוב, אכט נעכט.
לדורות אלעמאל
די טעג עס באלייכט,
גאנץ כלל ישראל...

דער הייליגער רבי זאגט אין
ליקוטי מוהר"ן (חלק א' סימן רפ"ב,
תורה אזמרה): "דע כי צריך לדון
את כל אדם לכף זכות, ואפילו מי
שהוא רשע גמור, צריך לחפש
ולמצוא בו איזה מעט טוב,
שבאותו המעט אינו רשע, ועל ידי
זה שמוצא בו מעט טוב, ודן אותו
לכף זכות, על ידי זה מעלה אותו
באמת לכף זכות, ויוכל להשיבו
בתשובה... דורכדעם וואס דו
טרעפסט אין זיך אליינס אדער אין
א צווייטן איין פינטל גוטס, ווערט
מען ממש א צדיק, אזוי ווי ניי...

אפילו פילסט ווייט,
ממש פארדארבן,
טרעף אין דיר מְעַט
צווישן די שארבן...
דאס ווערד פון איין פך,
מאך גלאנצן און שיינען.
טרעף איין גוטע זאך
ס'איז זיכער פארהאנען!
הער אויף קוקן קרום,
אויף אלע ארום.
אנשטאט אויפזוכן,
שווארצע פראבלעמען,
נעמען a b c
הייב אן זיך פארטיפן
אין איין פך שמן...

די איינע קריגל
זי איז מסוגל
איבערצודרייען
דעם מענטש באנייען
ער זאל פריש קענען
אנהייבן ברענען

דאס זאגט דער הייליגער רבי,
אינעם אזמרה תורה.
פארשפרייט ליכט און אורה,
מיט אויגן פאזעטיווע,
דו קענסט די גאנצע וועלט,
מאכן טון תשובה.
צינד אן דיין מנורה!
זוך און טרעף אין דיר,
און אין דיין סביבה,
איין ריינע נקודה,
פאוקוס אויף די גוטע!
געזאגט האט דער ראש ישיבה
זאג: "באשעפער ביטע"!
מאך א תפילה, בעט:
"טאטע, אין מיינע אויגן,
דאס גוטס exaggerate..."

ש. טראכטער



# איך קוק אויף די ליכט

"מעוז צור ישועתי... ימי בינה... ימי שמונה... אוי... יוונים, יוונים..."

די ווארעמע געזאנגען האבן אנגעפילט דעם שבת שטוב. איך קוק זיך ארום און איך קוועל פון נחת. שכח אייבערשטער. איך בין א מיליאנער ב"ה. יש לי כל, איך האב אלעס! וואס נאך דארף איך? איך בין ארומגענומען מיט די טייערסטע און בעסטע, מיט מיין מאן און קינדער און די הייליגע ווארעמע פלאמען. אלעס איז אזוי פרידלעך, אזוי אנגענעם, יא, ממש ווי אין די מעשה ביכלעך.

ביז...

פלוצלונג האט זיך שמואלי אויפגעשטעלט. ער איז געווארן ברוגז. זייער ברוגז. חיים האט אים געגעבן א שטופ, ער האט געוואלט זיצן אויף דער רעכטער זייט נעבן טאטי און יעצט קען ער נישט.

חיים איז נישט שולדיג געבליבן. ער האט געזאגט וואס ער האט צו זאגן און שמואלי האט צוריקגעענטפערט, און נאך איידער איך אדער מיין מאן האבן זיך אריענטירט אפצושטעלן דעם ווערטער געפעכט, איז די גאנצע רואיגע און הערליכע סצענע איבערגעקערט געווארן. מאפילה לאור גדול. (ולפעמים להפך...)

איך האב געגעבן א זיפץ. אינצווישן האט זיך די בעיבי אויפגעוועקט, איך האב איר ארויסגענומען פון בעטל. זי איז אריינגעקומען אין שבת שטוב און געקוקט אויף די ליכטלעך, פארגאפט. איר יונגע מח האט דאס געוואלט זען פון דער נאנט. זי איז שטיל און שנעל צוגעקראכן צום מנורה, און וואס האט נאכגעפאלגט וועל איך איבערלאזן פאר אייער כח הדמיון.

איך שטיי דארט אינדערמיט, די טיש איז שיין אנגעגרייט פאר א געשמאקע חנוכה נאכטמאל. איך האב אזויפיל הארץ און געפיל אריינגעלייגט דערין, תפילות און שמחה... און יעצט שטיי איך

דא אזוי... אפגעפאטשט. די נשמה איז ארויס פון די אנגענעמע אטמאספער, עס איז שוין נישט די זעלבע. איך האב זיך פארגעשטעלט אין דמיון וויאזוי דער טאטע קומט אהיים, אלעס קלאפט, די קינדער זינגען שיין, מען זיצט ארום דעם טיש, מען לאכט, מען פארברענגט, מען דערציילט... און יעצט איז אלעס צובלאזן און צופאלן, אזוי צווישן די פינגער.

די קינדער בלאזן, די מנורה איז איבערגעדרייט. דער ערד איז שמוציג פון אויל, די שטימונג איז אזוי עטוואס אנגעצויגן און איך האב נאך ארויסגעכאפט פון מיין מויל אזא נישט גוטע באמערקונג וואס האט געלאזט א שווערן נאך טעם אין דער לופט.

א שאד. עס איז דערנאך. מארגן וועל איך ווידער פרובירן, אבער יעצט? יעצט איז שוין דערנאך. געים אוועך!

אגב, ב"ה דאס עסן איז געווען עקסטער ספעציעל, און די קינדער זענען יענע נאכט געגאנגען שלאפן פרייליך און צופרידן, אבער דאך, איך האב געהאט אן אנדערע בילד אין מח.

...

"חנוכה איז א ברסלב'ע יו"ט" האט דער ראש ישיבה זיך אמאל אויסגעדרוקט. "די חשמונאים האבן זיכער געהאט דעם רבי'נס לימוד." קוקט נאר אריין אין די מעשה פון חנוכה. דער גאנצער בית המקדש איז חרוב, אלעס איז טמא, מען זעט נאר דעם חורבן פאר די אויגן און וואס האט ווייטער פאסירט?

מען האט אנגעהויבן זוכן, אפשר וועט מען טרעפן עפעס, א קריגל, אביסל. און דער אייבערשטער האט געהאלפן, מען האט געפונען איין קליינעם פך שמן מיט וואס צו צינדן די הייליגע מנורה.

דער שמן, די אויל, איז געווען פונקט גענוג פאר איין טאג. די פראצעדור פון מאכן נייע, ריינע, טהור'ע אויל איז געווען א מעשה פון אכט טעג. וואס פונקט וועט מען האבן פון איין טאג אנצינדן די מנורה?

אבער ווי מיר זעען, האבן די חשמונאים מיט גרויס שמחה קובע געווען א יום טוב, להודות ולהלל. מען האט זיך געפריידט מיט דעם איין קליינעם פך. איך בין זיכער אז עס זענען געווען אויבער-חכמים, לצים וואס האבן געשפעט, "ולשמחה מה זו עושה?" וואס איז די גרויסע שמחה, מען דארף א באטל, נישט א קריגל."

אבער די צדיקים האבן זיך געפריידט און דערפון איז ארויסגעקומען א יום טוב לדורות.

איז דען נישט חנוכה א ברסלב'ע יום טוב?! דאס איז דאך דעם רבי'נס לימוד

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז עס איז גוט זיך צו מתבודד זיין ביי די ליכט. איך מאך צו די אויגן. עס פינקלט אריין די ליכטיגקייט, דאס ריינע ליכט פון די חשמונאים.

פון זוכן ברעקעלער גוטס, פון "בצר הרחבתי לי". ביסט אין אן ענגשאפט? זוך אבער אויף אביסל ברייטקייט, דאנק דעם אייבערשטן און עפן די צינור, די פייפ פאר נאך אסאך גוטס און חסד.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אונז אסאך מאל נאך די ווערטער פון מוהרנ"ת, "אז מען דאנקט, געבט מען פון הימל אויף וואס צו דאנקען, און אז מען קלאגט געבט מען פון הימל אויף וואס צו קלאגן."

איך זיץ אין מיין שבת שטוב. דער זייגער איז נאך עלעף. די קינדער זענען שוין אין די בעטן און איך קוק אויף די ליכטעלעך וואס צאנקען. דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז עס איז גוט זיך צו מתבודד זיין ביי די ליכט. איך מאך צו די אויגן. עס פינקלט אריין די ליכטיגקייט, דאס ריינע ליכט פון די חשמונאים.

עס מאנט פון מיר, עס מוסר'ט מיר, עס דערמאנט מיר און וועקט מיר אויף פון שלאף. זיי ווינקען און רופן צו מיר און דערמאנען מיר די לימודים פון הייליגן רבי'ן. דער לימוד פון מעט גם טוב, אביסל איז אויך גוט. מוהרנ"ת האט געזאגט אז ווען ער האט געהערט די שיחה פון רבי'ן האט דאס געטוישט זיין לעבן.

איך קוק אויף די ליכט. די חשמונאים האבן דאס אויך געלערנט פאר אונז, אביסל אויל איז אויך גוט. פארוואס לויפט מיין מח צו דעם האלב ליידיגן גלאז פון מיין לעבן? פארוואס זע איך נאר די קריגערייען פון די קינדער? פארוואס זע איך די איבערגעדרייטע מנורה? פארוואס זע איך די צושטערטע אטמאספער, אדער בעסער, פארוואס צושטערט דאס די אטמאספער?

דער רבי מיט זיינע הייליגע ליכטיגע לימודים לערנט אונז בעסער. דער רבי לערנט אונז אז א מענטש זאל קוקן אויף דאס ביסל גוטס...

איך בין זיך מתבודד, איך טו תשובה. "באשעפער זיי מיר מוחל. איך האב דאך אליין פריער געזאגט אז איך בין א מיליאנער. איך בין אזוי געבענטשט. יש לי כל. איך האב אלעס. א משפחה, אווארימע היים, ערליכע געזונטע קינדער. מה אשיב לה'? דער הייליגער רבי זאגט אונז אז חנוכה איז להודות ולהלל, א צייט צו לויבן און דאנקען, א צייט צוזאמצונעמען די חסדים און לויבן דערויף, נישט פארקערט."

און יעצט קומט דער פרומער שטן און זאגט מיר, "אך, האסט גע'הרג'עט די נאכט. פארוואס האסטו געזאגט וואס דו האסט געזאגט? פארוואס האסטו נישט גענומען דעם רבי'נס לימוד פון 'פון יעצט'? פארוואס האסטו געלאזט ציען די אומאנגענעמע אטמאספער?"

וואס זאל איך אים זאגן? ער האט גערעכטע טענות, דער מלך זקן וכסיל.

אבער דער רבי לאזט מיר נישט פאלן, אויך דא האט דער רבי אן עצה פאר מיר. דער הייליגער רבי זאגט אונז, "אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכט, מוזסטו אויך גלייבן אז דו קענסט פאררעכטן."

ווי טרעפט מען נאך אזא רבי אין דער וועלט וואס לאזט אונז קיינמאל פאלן? דער הייליגער רבי הייבט מיר אויף און

בלאזט אריין אין מיר אזא האפענונג און דערמאנט מיר אין יעדן מצב אז דער אייבערשטער ווארט אויף מיר, און איך האב די כוחות אין מיר אנצוהייבן פון פריש צו ווערן אן ערליכער איד.

דער הייליגער רבי האט געזאגט, "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק, קען מען ווערן אן ערליכער איד, און אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד."

און איך קלער צו מיר, מיט יעדע שיחה פון רבי'ן קען מען זיך מחי' זיין און לעבן א געשמאקע לעבן די גאנצע זיבעציג יאר. נעמט צום ביישפיל די שיחה פון "אביסל איז אויך גוט." דאס איז דאך לופט צו אטעמען פאר אן אידישע מאמע.

האסט עפעס געטון? פרובירט צו טון? אנגעגרייט דעם טיש? געקאכט עפעס צו עסן? געבאדן די קינדער? געטון אביסל וועש?

איך בין גוט. גוט. גוט. אז א מענטש שפירט גוט, ווערט ער גוט און פארקערט אויך.

אדער, לאמיר אנכאפן די נקודה פון נקודות טובות. דער רבי דערמאנט אונז כסדר, זוך דאס גוטס, טרעף דעם פך שמן ביי דיר, ביי דיין מאן, ביי יעדן ארום דיר. נאר פאר די שיחה אליינס לוינט מקורב צו ווערן.

וויפיל מאל טראכט מען צו זיך, "איך וואלט געדארפט זאגן אזוי, אדער טון אזוי. א שאד איך בין נישט געגאנגען פרייטאג אינדערפרי צו דער געשעפט, אויב יא וואלט..., אדער, 'איך וואלט געקענט ענדיגן תהלים אנשטאט מאכן נאך א קיכן'." אפס, דער רבי דערמאנט מיר, "וואס מען טוט איז גוט, אבי מען טוט נישט שלעכט."

ווידער "אין שום יאוש! קיין יאוש איז נישט פארהאן!" דאס דארף פשוט נישט קיין פירושים, מיר הערן דעם רבי'נס קול טעגליך ווי ער שרייט און דערמאנט אונז אידישע מאמעס ווען עס ווילט זיך זאגן, "א גוטן טאג, איך שפיל מער נישט." דאן הערט מען דעם ווידערקול פון רבי'ן "דער עיקר איז מה שקורין, דערהאלטן זיך."

און וואס קלינגט דיר אין אויער, ווען דו גייסט צווישן מענטשן און יעדער טוט, מאכט, קויפט, און לויפט? דו קוקסט זיך ארום און קלערסט, "וואס גייט פאר? פארפאס איך עפעס? איך פרוביר לעבן שפארזאם און העלפן מיין מאן, אבער איך זע אז די וועלט לויפט און קויפט..."

איך הער דעם רבי'נס קול, "דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, די וועלט נארט אייך, לאזט זיך נישט נארן."

און סוף טאג, ווען איך שפיר שולדיג פאר דעם קינד וואס איך האב געגעבן אביסל צו א שטארקן פסק און פארשעמט, און וויאזוי איך האב גערעדט צו מיין מאן, זאגט מיר דער רבי, "אם אתה מאמין, שיכולין לקלקל, תאמין שיכולין לתקן אז דו גלייבסט אז 'דו' קענסט מאכן א חורבן, מוזסטו אויך גלייבן די אנדערע חלק אז 'דו' קענסט פאררעכטן."

יא, מארגן, באלד וועל איך איבערבעטן. איך וועל רעדן שיין און שטוב. איך וועל געבן א גוט ווארט פאר מיין קינד, און... עס וועט גוט!

ווען עס מאכט זיך א טאג וואס איך שפיר אזוי אדורכגעפאלן אז עס ווילט זיך בלייבן אין בעט, און איך וואונדער זיך אויב דער רבוש"ע וויל נאך אפילו איך זאל דאווענען צו אים. איך בין דאך א דורכפאל פון א נשמה... דאן הער איך 'מבטן שאול שועתי אליך שמעת קולי, פון טיפן גרוב שריי איך צו דיר טאטע.'

און ווען מיין חבר'טע וויל מיר צורעדן אז עס איז באמת נישט קיין פראבלעם צו גיין דא און טון יענץ, אבער עפעס שפירט מיין הארץ אז דאס איז נגד התורה? דערמאן איך זיך וואס דער רבי זאגט, "מענטשן זענען א גרעסערע שטער אין עבודת ה' ווי דער יצר הרע אליינס." און איך מאך שנעל א תפילה צו לעבן מיט'ן באשעפער און נישט כאפן התפעלות פון א מענטש וואס איז היינט דא און מארגן דארט.

אויב שפיר איך התעוררות, און עס גיסט זיך דאס הארץ שפכי כמים לבך, דערמאן איך זיך וואס מוהרנ"ת האט געזאגט אז ווען דער רבי האט אים געזאגט, "און ווייטער איז גוט צו רעדן צום באשעפער ווי מען רעדט זיך אויס צו א גוטן פריינט" (ווען דער רבי האט מגלה געווען די ענין פון התבודדות) און עס ווארעמט מיר.

און ווען איך שפיר נישט? זאגט מיר שוין אויך דער רבי אז עס איז נישט גוט זיך צו שטופן צו וויינען, ווייל דאס אליינס שטרענגט אן דעם מענטש, און מען קען נישט מתפלל זיין. דעמאלטס איז מיר דער רבי מחזק איבער די גרויסקייט פון "טרוקענע תפילות!"

עבודת השם, חינוך, שלום בית, כיבוד אב ואם, חובות, דאקטוירים, הילינג, אמונה, מסורה, חברים, חיזוק, תורה, תפילה... וואס נישט? דער רבי געבט אונז א וועג אין לעבן אין 'יעדן' פרט.

אזא רבי! אזא אור! אזא ליכט! "אזא רבי וואס האט מיר געגעבן לעבן, געב איך נישט אויף קיינמאל!"

אין יעדן מצב וואו א מענטש געפינט זיך, האט דער הייליגער רבי מיט זיינע הייליגע תלמידים חיזוק פאר אונז, וויאזוי זיך צו דערהאלטן און בלייבן מחוזק.

יא, חנוכה איז א ברסלב'ע יום טוב, אבער נישט נאר חנוכה, נאר יעדער טאג ווערט א יום "טוב" - א גוטער טאג מיט די לימודים און עצות פון דעם הייליגן רבי'ן.

איך קוק אויף די ליכט. זיי דערמאנען, זיי מאנען, זיי וועקן מיך אויף און איך שעפשע שטיל, "אין ברסלב ברענט א פייער, צינד עס אן אין מיין הארץ און אין די הערצער פון מיין מאן און קינדער. העלף מיר אייבערשטער פארשפרייטן די ליכט פון הייליגן רבי'ן אויף דער וועלט אז אלע אידן זאלן וויסן פון די ליכטיגע עצות.

העלף מיר באשעפער אז עס זאל זיין חנוכה, פון לשון חינוך, איך זאל לעבן מיט די לימודים, דעם חינוך פון רבי'ן א גאנץ יאר. די ליכט זאלן זיך נישט אויסלעשן, אויך נאכדעם וואס איך פוץ אויס די מנורה און פארפאק עס אין שאנק.

העלף מיר באשעפער לעבן מיט דעם קליינעם קריגל אויל, זיך פרייען מיט יעדעס ביסל גוטס אין מיין לעבן און קוקן אויף די גוטע חלקים און דיר אלעמאל דאנקען און לויבן".

# Potato Latkes

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 4 POTATOES SHREDDED
- 4 EGGS
- 1 TSP SALT
- PINCH BLACK PEPPER
- OIL FOR FRYING

## DIRECTIONS:

- COMBINE ALL INGREDIENTS.
- HEAT OIL.
- SPOON 1 T OF BATTER IN HOT OIL.
- FRY ON BOTH SIDES TILL GOLDEN



# לאמיר שמועסן

נאמען: מרת ר. זיכערמאן.

וואוינארט: עיר התורה בני ברק.

קינדער: שכח אייבערשטער צוויי זיסע אינגלעך.

א ניגון וואס עפנט דיר די הארץ: דער ניגון "אליין" פון די אלבום "איך בין נישט אליין".

א פלאץ אדער צייט וואס דו האסט ליב צו רעדן צום אייבערשטן: ווען איך גיי אליין אין גאס.

וואס גלייכסטו צו טון אין דיין ליידיגע צייט: הערן א פרויען שיעור אדער א חינוך שיעור, אדער זאגן תהלים.

דיין ציל אין לעבן: זיין א וואוילע אידישע מאמע און ווייב.

ווען איך בין געווען א מיידל אין הויך-שולע, האב איך געהערט מיינע חברט'עס שמועסן וועגן דעם ראש ישיבה שליט"א און די שיעורים, אבער איך האב נישט פארשטאנען פון וואס זיי רעדן.

ביז איין מאל האב איך מיך אנגעטראפן מיט א שיעור וואו דער ראש ישיבה שליט"א רעדט פון נישט אויסגעבן געלט אויף טייערע צירונגען. דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ער האט יעצט א זון א חתן און מען האט געקויפט פאר די כלה א הונדערט דאלער'דיגע זייגער און עס איז אזוי שיין, און אויך האט עס זייער א שיינע האלטער. איז וואס פעלט אויס צו קויפן א טייערע זייגער? דאס האט מיר זייער געכאפט ווייל עס איז מיר געווען א נייע דערהער, און איך האב פארשטאנען אז לכאורה איז דא א פלאץ וואו מען קען הערן נאך שיעורים.

דעמאלט האב איך אנגעהויבן צו זוכן און זוכן, ביז ווען איך האב געטראפן די נומער פון 'קול ברסלב'.

אין יענע תקופה פלעג איך אויסהערן זייער אסאך שיעורים, שמועסן א.א.וו. ביז ווען איינמאל האב איך געהערט אויף א שמועס עפעס רעדן וועגן די פרויען האטליין. האב איך זיך זייער געפריידט, ווייל איך האב געטראכט צו מיר אז אויב די מענער האטליין איז אזוי שיין, איז מן הסתם די פרויען האטליין מער צוגעפאסט פאר פרויען, און דארטן וועל איך טרעפן נאך שיינע זאכן.

איך געדענק נישט ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען, אבער איך האב באקומען די נומער פון 'קוואל פון אמונה'. איך האב אויסגעהערט די שיעורים פון דעם ראש ישיבה שליט"א, און אויך האט מיר זייער געכאפט צו הערן די מעשיות פון תפילה אפטיילונג, ווי מיידלעך און פרויען בעטן דעם אייבערשטן וואס

## ש. ח. שטעסל

זיי דארפן און ווערן געהאלפן.

איך האב אלץ געוואוסט פון תפילה, מיינע טיטשערס פלעגן אויך רעדן פון דאווענען, אבער אזוי צו לעבן מיט דעם אייבערשטן און בעטן יעדע זאך וואס מען וויל, האב איך באקומען פון הערן די שיעורים.

איין מאל האב איך געהערט א מעשה פון תפילה פון א מיידל, און זי האט גערעדט פון 'עצתו אמונה'. איך האב נישט געוואוסט וואס דאס מיינט, אבער איך האב פארשטאנען אז דאס האט עפעס מיט די שיעורים.

למעשה, אפאר וואכן שפעטער הער איך אויף אין א שמועס אין 'קול ברסלב' וועגן דעם קונטרס 'עצתו אמונה'. האב איך אפגעמאכט אז איך מוז זען פון וואס עס רעדט זיך.

איך האב פארשאפט די נומער פון יענע מיידל און איך האב איר גערופן. האט זי מיר געזאגט אז זי וואוינט אויך אין מיין שטאט און זי וועט זיך פרייען מיר צו געבן יעדע וואך אן עצתו אמונה.

ווען איך האב זיך געטראפן מיט איר, האב איך געזען אז איך קען איר שוין פון פריער צוליב עפעס א משפחה מחותנים'שאפט. איר ברודער האט חתונה געהאט מיט מיין שוועגערינס קאזין. איך האב מיך זייער געפריידט צו די עצתו אמונה און עס געליינט יעדע וואך.

אזוי איז אריבער א שטיק צייט וואס איך האב געהערט שיעורים. יענע מיידל איז געווען א כלה און זי האט אנגעטראגן פאר איר מומע, וואס האט געהאט א בחור אין שידוכים, אז זי קען זייער א גוטע מיידל, אפשר וואלט עס געווען א גוטער שידוך.

שכח אייבערשטער אז די שידוך איז טאקע אויסגעפירט געווארן און איך בין א כלה געווארן מיט איר קאזין.

נאך מיין שידוך האב איך געכאפט אז דער אייבערשטער האט אזוי שיין געפירט אז איך זאל הערן די שיעורים און אזוי זאל די שידוך קענען ווערן.

ווען איך בין געווען א כלה האב איך זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל ווערן פון פריש מקורב נאך מיין חתונה. ווייל מען זעט אז אזוי פיל מיידלעך וואס האבן געשעפט זייער חיות און זייער לעבן פון די שיעורים, זענען ערגעץ נאך די חתונה פארפלויגן געווארן.

שכח אייבערשטער אז איך האלט שוין דריי און א האלב יאר נאך מיין חתונה, און שכח אייבערשטער אז איך בין דא. די שיעורים פון דעם ראש ישיבה שליט"א און פון מוהרא"ש זי"ע געבן מיר אזויפיל חיזוק.

**שכח אייבערשטער!**

# א טיפ פאר די אידישע מאמע:

ווען איך וויל א טויש ביי פרישטאג, נעם איך די פשוטע באקאנטע אייער שפייז און איך מאך עס מער אינטערסאנט און באַ'טעמ'ט.

דינסטן א קליין צוויבל ביז עס ווערט א שיינע גאלד קאליר. אויפקלאפן צווי אייער און צולייגן צו די געדינסטע צוויבל. פרעגלען ביז עס ווערט גרייט.

- מרת ר. זיכערמאן

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה דוד יודא איידליס הי"ו

וזוגתו לאה מרים תחי'

### צו די חתונה פון זייער זון למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה שמואל לייב פעלבערבוים הי"ו

וזוגתו ראדיא לאה תחי'

### צו די חתונה פון א טאכטער למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.




# אן עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161
breslevmagazine@gmail.com

# קלאסיפייד

## גמ"ח לילדים ובחורים היכל הקודש ברסלב

מיר ווילן מודיע זיין פאר אנשי שלומינו, אז בפקודת הראש ישיבה שליט"א, האבן מיר א גמ"ח וואו די חשוב'ע קינדער קענען אוועקלייגן, מיט די רשות פון זייערע עלטערן, זייער חנוכה געלט, פורים געלט, טאשן געלט. די געלט וועט מען קענען צוריק ארויסנעמען נאך די חתונה בשעה טובה ומצלחת. מען קען ארייגלייגן נאר קעש, נישט טשעק'ס, א.ד.ג. אדער מטבעות.

ספענדט נישט קיין געלט אויף נארישקייטן!

געדענקט! דער זעלבער רבי וואס האט אזוי פאר'מיאוס'ט געלט, האט אויך געווארנט און געזאגט: מען דארף אויף געלט זייער אכטונג געבן.

הנהלת הגמ"ח
יחזקאל סאמעט 347-452-1936

dominogrp.com

loop PLUMBING
Masters of drip
917.202.1206

# טאטי איז אין אפיס

646.938.2503

איינגענעמע אפיסעס \\ אין הארץ פון שטעטל \\ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן \\ פרייזן וואס בייסן נישט \\ פארקינג ביזן דאך

dominogrp.com

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

מ. פאפענהיים

# איבערגעדרייטע ליכט צינדן



"ניין! נישט נאר איין ליכטעלע! איך וויל אנצינדן אלע ליכט!"

יענקי האט זיך געווארפן אויפן ערד און געשטויסן מיט די פיס, ווען ארום איז איז צעווארפן דאס פעקל ליכט, א חלק שוין צובראכן. מיין מאן האט זיך נישט דערשראקן. "יענקי! היינט צינדט מען נאר איין ליכטעלע מיט א שמש!" האט ער איבערגעזאגט מיט א שטרענגע טאן.

איך האב עס צוגעקוקט פון די זייט. איז טאקע אזוי געפערליך אז א צוויי-יעריג אינגעלע זאל אנצינדן יעדן טאג די גאנצע מנורה? צי דארף מען וועגן דעם צושטערן די פרייליכע צייט פון ליכט צינדן, שוין דעם ערשטן טאג? איך האב געוואלט נעמען דעם מצב אין די הענט אריין, זיך אריינמישן און מאכן א סדר. אבער איך האב זיך ב"ה געכאפט באצייטנס, נאכן הערן שיעורים נאכאמאל און נאכאמאל האט דעם ראש ישיבה'ס שטימע מיר געקלונגען אין קאפ: "קינדער דארפן גארנישט, קינדער דארפן נישט קיין טייערע מתנות, זיי דארפן נישט קיין טריפס, און אסאך נאש. קינדער דארפן איין זאך, אז טאטע מאמע זאלן לעבן בשלום". אפילו עס וואלט יעצט גרינגער געווען פאר מיר צו נאכגעבן פאר יענקי זיינע קריצן, איז יעצט בעסער פאר אים און פאר די גאנצע שטוב, אז ער וויינט און דרייט איבער די הויז, דער עיקר איך זאל נישט טון עפעס און זאגן פארקערט ווי זיין טאטע.

אבער ס'איז מיר שווער עס צו צוקוקן. איך פיל ווי מיין מח הייבט זיך אן דרייען און איך גיי באלד אויספלאצן. גיי איך ארויס אין קאך, און איך פיל אן א גלאז וואסער. "באשעפער!" - בעט איך שטיל - "העלף אז יענקי זאל זיך בארואיגן, ער זאל אנצינדן זיינע לעכטעלעך צוזאמען מיט יעדן, און עס זאל דא זיין א פרייליכע לעבעדיגע ליכט צינדן".

"יעדנס מנורה איז שוין גרייט?" הער איך מיין מאן אויסרופן מיט אן אויסגעהייטערטער שטימע, צווישן די

קולות.

"יאו!" שרייען די גרעסערע אינגלעך אויס.

יענקי ווערט שטיל. איך גיי אריין אין שבת צימער, וואו יעדנס מנורה איז שיין אויסגעשטעלט ביים פענסטער. יעדנס אויסער יענקי'ס.

"קוק, יענקי," ווייז איך אים, "יעדער האט אנגעגרייט איין ליכט מיט א שמש. יעצט וועט מאמי אנגרייטן פאר יענקי איין ליכטעלע מיט א שמש." ער לאזט אראפ זיין קאפ, די טרערעלעך גלאנצן אויף זיינע בעקעלעך, אבער ער זעט אז די מלחמה איז פארפאלן. אויב טאטע און מאמע זענען אויף איין זייט, מוז ער פאלגן.

באבלאזענערהייט הייבט ער אויף פון דער ערד א רויטע און א געלע ליכטעלע. ער שטעקט עס אריין אין זיין מנורה'לע און גיט עס איבער צו זיין טאטע מיט אראפגעלאזטע אויגן.

דער שטורעם האט זיך איינגעשטילט. א פאר מינוט ארום הערן זיך לעבעדיגע קלינגעדיגע ברכות. יענקי מאכט די ברכות שטיל, אבער נאכדעם זעט זיך שוין א קליינע שמייכל אויף זיין ליכטיגן פנימ'ל. איך רוק זיך צו א בענקל מיטצוהאלטן די פרייליכע זמירות פון חנוכה, און יענקי קומט צו מיר. איך נעם אים אויף מיין שויס און גלעט זיינע בעקעלעך. "דו ביסט א גרויסער וואוילער אינגעלע," שעפשע איך אין זיינע אויערן, "דו פאלגסט אזוי שיין!" ער שאקלט מיט זיין קעפעלע און לויפט שוין צוריק צו זיין קארעלע.

איך בלייב קוקן אויף די לעכטעלעך. די ערשטע האלבע שעה טאר מען במילא נישט טון קיין מלאכות, קען איך אויסניצן די צייט אביסל פאר מיר. "שכח אייבערשטער," שעפשע איך שטיל, "אז דו האסט מיר געהאלפן, איך זאל נישט אנצינדן א פייער דא אין שטוב. שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר צוגעשיקט צום נחל נובע מקור חכמה, וואו איך הער און איך באקום ריכטיגע עצות ווי אזוי צו לעבן א גוטער זיסער לעבן פון שלום." ס'איז דאך דא אזויפיל זאכן וואס פאר די קינדער מאכט נישט צופיל אויס. אבער אז איינער זאגט פארן קינד אהער און דער צווייטער זאגט פונקט פארקערט, ווערן די קינדער צוריסן און וואקסן אויף מיט צופליקטע נשמות.



איך באטראכט די ליכטעלעך וואס ברענען אזוי הארציג אנטקעגן מיר. איך האב אויך אמאל געטראכט אזוי ווי יענקי. מיר האט אלעמאל די ערשטע נאכט פון חנוכה אויסגעזען אזוי נעבעכדיג, אזוי ליידיג. נאר איין לעכטעלע? איך האב אויסגעווארט אויף דעם לעצטן לעכטל, ווען די גאנצע מנורה ווערט אנגעפילט און עס ברענט אזוי פראכטפול, א גאנצע פערפעקטע מנורה. אבער היינט... היינט, נאכן טרינקען פונעם נחל נובע, טראכט איך אנדערש. היינט זע איך דווקא די שיינקייט פון איין קליינעם לעכטעלע. איך ווייס צו שעצן אויך ווען מען קען טון נאר אביסל.

איך האב נישט קיין צייט צו זאגן דעם גאנצן יום תהילים? וועל איך זאגן נאר אביסל, איין קאפיטל, אדער אפילו נאר איין פסוק. אויך אין די שטוב ארבעט, די שמוץ וועש איז איבערגעפילט? איך האב נישט קיין כח צו קוקן בכלל אויף דעם? גוט, איך גיי נישט אלעס אויסוואשן, היינט וועל איך וואשן נאר איין לאדן... מען דארף קאכן נאכטמאל? איך ווייס נישט פון וואו צו אנהייבן? וועל איך היינט מאכן נאר א זופ...

און אפילו אויב איך זע אז די סינקס זענען איבערגעפילט, די קינדער קומען שוין אהיים, און איך גיי נישט אניאגן אלעס צו אויסוואשן, וועל איך קודם וואשן נאר די טעלערס... אויב איך וועל אניאגן וועל איך אויך וואשן די לעפלעך און גאפלעך... אזוי שמעקט שוין אביסל א פרישקייט אין קאך, אפילו עס איז נישט הונדערט פראצענט ריין...

אזוי, צוביסלעך, קליינע טריט אויפאמאל, אן צו טראכטן ווי אזוי מען וועט זיך מארגן מסדר זיין, קומט מען צו צו שיינע זאכן, נאך א ליכטעלע און נאך א ליכטעלע יעדן טאג, ווערט צוביסלעך אנגעפילט א שיינע מנורה...

# קינדער היים

חנוכה
פארמעסט
תשפ״ו





# שרייב טישל

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **רבי יוסף חיים זאנענפעלד, גאב"ד ירושלים**



בילד פון פארגאנגענע וואך: **הגה"צ ר' מאיר שטערן זצ"ל, אב"ד מירון**



שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלירט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי״ה



# מענטשערליך

## חֲנוּכָּה לִיכְט אִין וַואלְד

דָאס יָאר צִינְד אִיךְ מִיט אוֹיל", הָאט נַפְתָּלִי דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע קָאזִינְ'ס וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעזִיצְן אַרוּם בַּאבִּי'ס טִישׁ אוּן גֶעגֶעסְן פַיינֶע לַאטְקֶעס.

"אוּן אִיךְ צִינְד אִין אַ זִילְבֶּערְנֶע מְנוֹרָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעווִינֶען בַּיי אַ פַארְמֶעסְט", הָאט אִיצִיק מִיטְגֶעטֵיילְט.

"שְׁכּחַ בַּאבִּי פַאר דִי גֶעשְׁמַאקֶע לַאטְקֶעס" הָאט אֵלִיָּהוּ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן.

"שְׁכּחַ בַּאבִּי", הָאט אִיצִיק אוֹיךְ בַּאדַאנְקְט, "דִי פַיינֶע לַאטְקֶעס וַוארֶעמֶען מִיךְ אָן אַ גַאנְץ ווִינְטֶער".

בַּאבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִירֶע זִיסֶע אֵיינִיקְלֶעך אוּן אֵלִיָּהוּ הָאט אָפְּגֶעאָטֶעמְט, עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען צוּ פַארְדְרֵייעֶן דִי שְׁמוּעֶס, קֵיינֶער מֶעג נִישְׁט ווִיסְן אַז עֶר אֵלִיָּהוּ לִיכְטְמַאן, צִינְדְט מִיט פָּשׁוּטְ'עֶ לִיכְט אִין אַ פָּשׁוּטְ'עֶ מְנוֹרָה.

פְּלוּצְלוּנְג, אִיז גֶעוָוארְן טוּנְקְל, דִי לֶעקְטֶער הָאט גֶעקְרַאכְט.

"אֵלִיָּהוּ, לוֹיף אַרָאפּ אִין קֶעלֶער אוּן צִינְד צוּרִיק אָן דִי הוֹיפְּט לֶעקְטֶער", הָאט בַּאבִּי גֶעבֶּעטְן, אֵלִיָּהוּ אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען דִי אַלְטֶע הָאלְצֶערְנֶע טְרֶעפּ אוּן עֶס הָאט אִים דֶערְמַאנְט זַיין אַלְטֶע הָאלְצֶערְנֶע מְנוֹרָה. וָואס אִיז דָאס וֶוערְד פוּן צִינְדְן אִין אַ פָּשׁוּטְ'עֶ מְנוֹרָה? הָאט אֵלִיָּהוּ גֶעטְרַאכְט "אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט צִינְדְן.

עֶר הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי לֶעקְטֶער בַּאקְס אוּן גֶערוּקְט אַהִין אוּן אַהֶער, אוּנְטְן אִין קֶעלֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן טוּנְקְל אָבֶער פוּן אוֹיבְן הָאט אֵלִיָּהוּ גֶעהֶערְט ווִי דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן "שְׁ'כּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער סְ'אִיז שׁוֹין לִיכְטִיג!".

"דוּ בִּיסְט אַ צַדִּיק". הָאט בַּאבִּי לִיבְּלִיךְ גֶעזָאגְט פַאר אֵלִיָּהוּ, אִין קֶעלֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוָוארְן לִיכְטִיג? הָאט בַּאבִּי גֶעפְרֶעגְט.

"נֵיין אוּנְטְן אִיז גֶעבְּלִיבְּן טוּנְקְל", הָאט אֵלִיָּהוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"אַזוֹי אִיז אוֹיךְ וֶוען דוּ צִינְדְסְט דַיין מְנוֹרָה", הָאט בַּאבִּי עֶרְקְלֶערְט "אִין צִימֶער וֶוערְט נִישְׁט צוּפִיל מֶער לִיכְטִיג, אָבֶער אִין אַלֶע הִימְלֶען צִינְדְט זִיךְ אָן אַזַא שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט! פַארְן הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דַיין פָּשׁוּטְ'עֶ מְנוֹרָה", הָאט זַיין קְלוּגֶע בַּאבֶּע צוּגֶעלֵייגְט, "יֶעצְט לוֹיף צוּ זֵיידִי, עֶר גֵייט דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה".

. . .

דֶער הֵיילִיגֶער רַשַּׁ"ב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן שִׂמְחַת תּוֹרָה אוֹיף אַ הִתְוַעֲדוּת מִיט זַיינֶע חֲסִידִים, אִינְמִיטְן דִי הִתְוַעֲדוּת רוּפְט זִיךְ אָן ר' פְּתַחְיָה - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן, אוּן דֶערְצֵיילְט בִּפְנֵי כָּל עַם וְעֵדָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ שְׁטֶענְדִיג אַז עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין שׁוּם



בילדער: ח. מ. אפעלדארפער



מוֹפְתִים, אִיךְ וֶועל דָא דֶערְצֵיילְן אַן עוּבְדָא וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר: אִין אֵיינֶע פוּן דִי זוּמֶער טֶעג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן פַארְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן צִימֶער זָאגְט מִיר דֶער רֶבִּי: "דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ סוֹחֵר אִין דִי וֶועלְדֶער, צוּמָאל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ זַיין אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג אִין וַואלְד, זָאג אִיךְ דִיר, וֶוען עֶס קוּמְט חֲנוּכָּה זָאלְסְטוּ מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר הוֹיכֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט!" וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ וֶועל טַאקֶע דַארְפְן וֵויילְן אִין וַואלְד, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶער רֶבִּי, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶענוּמֶען גְרוֹיסֶע הוֹיכֶע לֶעכְט.

וֶוען אִיךְ בִּין אַרַיין אִין וַואלְד זֶענֶען גֶעקוּמֶען רוֹיבֶּער, זֵיי הָאבְּן מִיר צוּגֶעכַאפְּט מַיין גֶעלְט אוּן אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט מַיינֶע טַאשְׁן, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיךְ גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן מִיךְ לָאזְן לֶעבְּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן, זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי מוּזְן מִיךְ הַרְגְ'עֶנֶען ווייל אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן לֶעבְּן וֶועל אִיךְ זִיכֶער מַסֶר'ן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אַז זֵיי זָאלְן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן מִיר נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אָט אָט קוּמְט מַיין סוֹף... הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן מִיךְ נָאךְ לָאזְן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אוּן צִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט פַאר זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען מִיךְ.

מִיט זֵייעֶר פִּיל גוּטְסְקֵייט... הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעלָאזְט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב אוּן צִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט, בִּשְׁעַתְ'ן צִינְדְן דִי לֶעכְט דָארְט טִיף אִין וַואלְד, אִיז אַרִיבֶּער גֶעפָארְן דֶער פָּרִיץ פוּן דָארְף, עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט שַׁיינְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן דִי וַואלְד, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען זֶען וָואס דָאס אִיז, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ זַיין רֶעוָואלְוֶוער, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אוּן מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְט.

הָאט ר' פְּתַחְיָה אוֹיסְגֶעפִירְט: אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן בִּזְכוּת דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעהֵייסְן מִיטְנֶעמֶען הוֹיכֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט.

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים חֵלֶק א' פֶּרֶק ה)

...

אֵלִיָּהוּ הָאט אָנְגֶעגְרֵייט 5 לִיכְט מִיט אַ שִׂמְחָה.

"בָּרוּךְ אַתָּה ... לְהַדְלִיק נֵר חֲנוּכָּה, בָּרוּךְ אַתָּה ... שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ בַּיָּמִים הָהֵם בַּזְּמַן הַזֶּה".

עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי פִינֶעפְטֶע לִיכְטְל, אוּן דֶערְנָאךְ דִי אַנְדֶערֶע לִיכְט אִין זַיין פָּשׁוּטְ'עֶ, נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּטְ'עֶ מְנוֹרָה.

"הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ", אֵלִיָּהוּ הָאט שֵׁיין גֶעזִינְגֶען אוּן גוּט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דִי לִיכְט.

"שְׁכּ‍ֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, פַאר מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע ... אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט ... הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ זָאל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אוּן נָאר קוּקְן וואוּ מֶען מֶעג".

נָאךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה הָאבְּן זַיינֶע קְלֵיינֶע לִיכְטְלֶעךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן.

אֵלִיָּהוּ הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן דִי קֶעלֶער אִין בַּאבִּי'ס הוֹיז, דָא אוּנְטְן אִיז טוּנְקְל אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל שֵׁיינְט זַיין מְנוֹרָה מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִיכְטִיגְקֵייט.

"אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נִישְׁט אַזַא מֶעכְטִיגֶע מְנוֹרָה הָאט אֵלִיָּהוּ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער" אָבֶּער אִיךְ פָּאלְג צַדִּיקִים, אִיךְ הָאבּ גֶעצִינְדְן חֲנוּכָּה לִיכְט, אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז וֶוען אַ אִינְגְל צִינְדְט מְנוֹרָה דָא אוּנְטְן, צִינְדְט זִיךְ אָן אַ לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי גְרוֹיסֶע חֲנוּכָּה לִיכְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע וַואלְד.



# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט אמאל געזאגט: "קליינע קינדער, המוציא מיט האניג"

## ברסלב'ע חידות

**דער הייליגער רבי זאגט: חנוכה איז א צייט פון**

א. פועל'ן ישועות
ב. לערנען די הייליגע תורה
ג. כיבוד אב ואם
ד. דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט: די פנים שכל און נשמה פונעם צדיק ליגט אין זיינע הייליגע ספרים

## געב א שמייכל

**וויאזוי הייסט א יוני וואס מאכט זיך ווי א צדיק?**

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

### אֱמוּנָה - חלק שני

ה. יֶעדֶע סָארְט גְרָאז הָאט אִין זִיךְ אַן אֵייגְנְאַרְטִיגֶע כֹּחַ אוֹיסְצוּהֵיילְן אַ גֶעוִויסֶע סָארְט אֵייגְנְאַרְטִיגֶע מַחֲלָה. דָאס אִיז אָבֶער נָאר פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז נִישְׁט אָפְּגֶעהִיטְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן קְדוּשָׁה, אוּן אוֹיךְ הִיט עֶר זִיךְ נִישְׁט פוּן עוֹבֵר זַיין אוֹיף (אָבוֹת ד', ג') "אַל תְּהִי בָּז לְכָל אָדָם", נִישְׁט אַוֶועקְצוּמַאכְן קַיין מֶענְטְשְׁן; וֶוער עֶס הָאט אָבֶער יָא אַ קְלָארֶע אוּן גַאנְצֶע אֱמוּנָה, אוּן עֶר אִיז אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית, אוּן עֶר אִיז יָא מְקַיֵים דֶעם "אַל תְּהִי בָּז לְכָל אָדָם", עֶר מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק אַ צְוֵייטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע גְרֶאזְן וָואס פֶעלְן זִיךְ אוֹיס אוֹיסְצוּהֵיילְן זַיין קְרֶענְק, נָאר עֶר וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן סֵיי וֶועלְכֶע עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת כ"ג, כ"ה) "וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ, וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ", עֶר דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט טְרֶעפְן דַוְקָא דִי סָארְט גְרָאז וָואס זֶענֶען בַּאשְׁטִימְט אוֹיסְצוּהֵיילְן דִי סָארְט מַחֲלָה וָואס עֶר הָאט.





# מײַן מנורה

ש. טראַכטער

# איך

האב זייער ליב חנוכה. יעדעס יאר ווארט איך שוין זייער דערויף. די ווארעמע פלאמען אין די ווינטערדיגע נעכט ברענגען אריין אין מיר געפילן פון ווארעמקייט און דערהויבענקייט.

אויך דאס יאר ווען מיין מאמע האט ארויסגענומען די מנורה איר אויסצופיצן האב איך זיך שוין זייער געפריידט. איך האב אנגעגרייט פאר מיין טאטע די שמן זית און באטראכט ווי ער מאכט די קנויטן מיט אזא גענויקייט.

מיין טאטע האט פייערליך געמאכט די ברכות און איך האב הארציג געענטפערט אמן. דערנאך האט מיין טאטע מיט מיין ברודער געזינגען די ווארעמע חנוכה זמירות און ניגונים. ווען עס איז פאריבער די האלבע שעה האט מיין טאטע זיך געזעצט לערנען מיט מיין ברודער, בשעת מיין מאמע געווארן פארנומען אין קאך.

איך האב זיך געזעצט קעגן די הייליגע פלאמען און זיי איידל באטראכט. איין שיינע ליכטל. אזוי ציכטיג און הארציג. זי טאנצט אזוי איידל אין די אויסגעפוצטע מנורה. די פלעמעלע האט אריינגעברענגט אין מיר א גייסט פון שמחה. איך האב אריינגעטראכט אין איר באדייט. 'א מענטש איז דאך געגליכן צו א ליכטל', האב איך געטראכט, 'און אויך איך דארף אנצינדן א מנורה. וויאזוי?'

אפאר מינוט דערויף האט מיר פערי אנגערופן אויפ'ן טעלעפאן. אינמיטן א געשמאקע שמועס מיט מיין חבר'טע פערי האט איך באקומען א 'ביפ'. איך האב געבליקט אויפ'ן איי.די. דאס איז געווען חני. חני איז פון די מיידלעך פון מיין קלאס וואס זענען נישט אזוי אנגענומען. זי האט נישט קיין חבר'טעס. איך האב ענדערש געוואלט רעדן מיט פערי און איך האב געקלערט צו זאגן פאר חני אז איך קען נישט רעדן יעצט. דאן האב איך אבער געטראכט אז חני האט נישט קיין חבר'טעס און מן הסתם וויל קיינער נישט רעדן צו איר. איך האב אויפגעהויבן דעם טעלעפאן מיט א פרייליכן געמיט און שיין פארברענגט מיט איר פאר אפאר מינוט. ווען איך האב אראפגעלייגט האב איך געוואוסט אז איך האב אנגעצינדן א ליכט אויף א צווייטנס געזיכט. איך האב געצינדן דעם ערשטן ליכטל.

דעם צווייטן טאג חנוכה האב איך געקלערט וויאזוי איך קען היינט צינדן א ליכטל. איך האב זיך דערמאנט פון רחמי. רחמי איז א מיידל אויף מיין גאס, וועלכע איז ליידער נישט ווי אנדערע קינדער. איך האב באשלאסן איר צו דערפרייען. איך האב צאמגעפאקט אפאר נאש מיט א דריידל און נאך סקול בין איך אריבער צו איר. רחמי'ס אויגן האבן אויפגעשיינט, אזויווי א ליכט אויף די מנורה. איך בין דארט געווען פאר א ווײלע. מיר האבן אנגעצינדן חנוכה מוזיק און געטאנצן אינאיינעם. אויך האבן מיר געגעסן פיינע לאטקעס וואס איר מאמע האט געברענגט. די מאמע האט זיך הארציג באדאנקט פאר מיר און איך האב געוואוסט אז מיין מנורה האט שוין צוויי ליכטלעך.

דעם דריטן טאג האב איך באשלאסן צו אנצינדן אפאר שמייכלעך ביי אונז אין שטוב. ווען איך בין אהיימגעקומען, האב איך זיך אראפגעזעצט מיט מיינע געשוויסטער און זיי פארציילט די מעשה פון חנוכה. אויך האב איך מיט זיי געמאכט ארטס און קרעפטס. מיין מאמע האט זיך מחי' געווען און אויך מיינע געשוויסטער. און איך האב געהאט די וואונדערבארע געפיל פון צינדן דעם דריטן ליכטל לכבוד חנוכה.

דעם פערטן טאג איז געווען פרייטאג. יעדער האט זיך געיאגט צום זמן און איך האב שיעור פארגעסן צו צינדן מיין ליכטל. א האלבע שעה פאר שבת האב איך אנגערופן מיין באבע און איר געוואונטשן א גוט שבת און א גוטן חנוכה. זי האט זיך זייער געפריידט, "דו באשיינסט מיין שבת!" האט זי מיר געזאגט! איך האב געצינדן א פערטן ליכט.

שבת האב איך געצינדן מיינע אייגענע ליכט און געזאגט אפאר עקסטערע קאפיטלעך תהלים און אויך געדאווענט ערליך מיט כוונה. איך האב געצינדן די ליכט פון מיין קשר מיטן באשעפער.

דעם זעקסטן טאג חנוכה האב איך געהאלפן מיין מאמע מיט וואס איך האב געקענט. איך האב איר געבעטן זיך אראפצולייגן אביסל און איך האב דערווייל געהאלטן די קינדער פארנומען. אויך האב איך געגרייט די טיש פאר אונזער חנוכה מסיבה. איך האב געצינדן א ליכט פון כיבוד אב ואם.

דעם זיבעטן טאג חנוכה אין סקול האט מיר איינער זייער פארשעמט. איך האב זייער געוואלט צוריקענטפערן און צוריקבאקומען מיין פארשעמטן כבוד. איך האב זיך אבער דערמאנט אז אויב מען ענטפערט נישט צוריק שיינט די פנים ווי די זון. איך האב געטראכט פון מיין אייגענע שיינענדיגע מנורה און איך האב געשוויגן. איך האב געוואוסט אז קיינער ווייסט נישט אבער דער באשעפער האט יעצט פון מיר א געוואלדיגע נחת רוח!

זאת חנוכה איז גאר א הייליגע טאג. עס איז באגלייט מיט געמישטע געפילן ווייל מען דארף זיך געזעגענען פון די הייליגע חנוכה נעכט, וועלכע ברענגען אריין אזא ווארעמקייט און שמחה אין שטוב. איך ווער צומאל א קליין טראפ צובראכן דערפון. דאס יאר אבער האב איך אויסגעגעבן מיינע געפילן אין פארעם פון א תפילה. איך האב געבעטן דעם באשעפער אז איך זאל זוכה זיין צו צינדן פאר אים ליכטעלעך יעדן טאג פון יאר. איך האף אנצוהאלטן מיין קבלה און געבן פאר'ן באשעפער יעדן טאג א פלאם! אזויווי מיין לערערין האט געזאגט, כי נר ה' נשמת אדם... די ליכט פון באשעפער איז מיין נשמה!

אויך דו, טייערע חבר'טע, קענסט צינדן דיין מנורה פאר'ן בורא. דו וועסט אים פארשאפן א נחת רוח. פראביר דורכאויס די חנוכה טעג צו צינדן כאטש איין גוטע טאט פאר אונזער גרויסן ליבן טאטן!

א ליכטיכן חנוכה!

# בלאטו פארמאסט

1



משפחת אינדיג 24 האשקי

2



סילקי ראטענבערג

3



יושע ווערטיימער

4



משה מזרחי

5



פייגי לעווי

6



הערש אלימלך לעזער

7



משפחת יאקאבאוויטש

8



צפורה בירנבוים

9



סערל ראטה

10



אליעזר שלמה וועבערמאן

11



ביניש לעזער

12



אליעזר שלמה וועבערמאן

13




יוסי אינדיג

14



רחי שלעזינגער

15



פייגי עקשטיין

16



משפחת פריעדמאן

17



שמואל בירנבוים

18



משפחת פוקס און ראזענפעלד

19



קרית יואל חדר

20



הענדל לאה גאנצפריעד

21



יואליש סאמעט

22



משה מזרחי

23



מענדי פריעדמאן

24



משפחת אינדיג

25



משפחת ווייס

26



משפחת מזרחי

27



מאיר מזרחי

28



יחזקאל לעזער

29



משפחת בלום

30



משפחת ראטה

31




משפחת פורסט

32



משפחת גליק

33



מרדכי און פיניע גליק

34



מרדכי פפנהיים

35



יואליש און פייגא'לע אייזנער

36



ליבי בריל

37



פייגי עקשטיין

38



מאכעלע אינדיג

39



משה'לע און ישעי'לע שטיין

40



יושע און נחמן נתן היימליך

41



אליעזר שלמה, נחמן יואל וועבערמאן, יואל בירנבוים

42



ברכי בלעדי

43



אליעזר שלמה טייטלבוים

44



ברכי בלעדי

45

משה'לע שטיין

46

משפחת פארקאש

47

שמשי דעפריס

48


שלום פריעדמאן

49

יוסי דעפריס

50

נתי אפפענהיים

51


משפחת בוים

52

משפחת שניצלער

53


משפחת פריעדמאן

54

משפחת סאקס טבריה

55

כיתה ג שטעטל

56

משפחת ראבינאוויטש

57

יוסי פרידריך

58

יושע שטיינבערג

59

סילקי ראטענבערג

60

משפחת שטיין

61


משפחת לאנדא

62

אשר אפעלבוים

63

כיתה ג שטעטל

64


משפחת אינדיג 24 האשקי

65

מירי רוטמאן

66

חוי פריש

67



אלי און נחמן קרויס ביתר

68



כיתה ג שטעטל

69



כיתה ג שטעטל

70



פייגי איצקאוויטש

71



רחי ראבינאוויטש

72



פיגא פרידריך

73



הערשי שטראססער

74



משפחת מאשקאוויטש

75



שלומי רוטמאן

76



מאטי לב

77



משפחת פרידריך

78



ראובן יואל וויינבערג

79



כיתה ג שטעטל

80



נחמן נתן פעקעטע

81



נחמן נתן און שלמה שניצלער

82



יצחק אהרן פליישמאן

83



משפחת קאהן

84



רבקה יאקאבאוויטש

85



דינה יאקאבאוויטש

86



יחזקאל הײלפרין

87



כיתה ג שטעטל

88



כיתה ג שטעטל

שיקט אריין וועלכע נומער בילד איר גלייכט די מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט אויסדערוועלט ווערן אלץ דער געווינער פונעם

# „חנוכה בלעטל פארמעסט"

מען קען שטימען ביז זונטאג ויגש 6:00 ביינאכט די נאמבער צו טעקסטן און צו רופן איז +18453791161

**89**



משפחת פוקס

**90**



אליעזר שלמה יאקאבאוויטש

**91**



משפחת יאקאבאוויטש

**92**



משפחת העסקעל

**93**



פיגא און הינדא יאקאבאוויטש

**94**



נחמן נתן רוטה

**95**



משפחת יאקאבאוויטש

**96**



משפחת פריעדמאן 66 האשקי

**97**



דאנאטס אין בית פיגא בני ברק [cardboard אין פארב].

**98**



משפחת פרידריך

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**דער ראש ישיבה שליט״א אין א שמועס מיט אנשי שלומינו אין ישיבה - מוצש״ק וישלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים צוגרייטן פאר די חתונה אין ישיבה - מוצש״ק וישלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**פרישע שיפמענט אנגעקומען צום בית התבשיל - ג׳ וישב**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**מנחה אין ישיבה - ג׳ וישב**

קרעדיט: אליעזר דייטש





**ברית פון הילד יעקב נ"י בן מו"ה אשר לעווי הי"ו אין ישיבה - ד' וישב**

קרעדיט: שלמה האממער, לייבי ראטה





**מו"ה אהרן שלמה שווארטץ הי"ו בייִם צוגרייטן די וועכענטליכע חלוקה בייִם בית התבשיל - עש"ק וישב**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**מסיבה לטובת דעם בית התבשיל פון שטעטל אין עטרת אפפעל - ד' וישב**

קרעדיט: מאטי ראזענפעלד



**אבות ובנים אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - מוצש"ק וישב**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**בייִם צינדן די ערשטע חנוכה ליכטל אינעם ביהמ"ד אין שטעטל - א' מקץ**

קרעדיט: אייזיק ראטה





**קביעת מזוזה דורכן דיין שליט"א ביים שטוב פון מו"ה חיים ישעי דעפריס הי"ו אין שטעטל - א' מקץ**









**די קינדער ביים גיין נאך געלט פאר די הייליגע מוסדות ביי מעריב אין ביהמ"ד אין שטעטל - א' מקץ**

קרעדיט: אייזיק ראטה